אלע ווערק:

ז. סעגאלאוויטש

ערשטער באַנד

פאַרלאַג ח. בזשאָזא

אלע ווערק פון ז. סעגאלאוויטש

ערשטער באַנד — פּאָעמען
צווייטער באַנד — קאַפּריזן
דריטער באַנד — קרימער נעכט
פערטער באַנד — אַ לעגענדע וועבט זיך
פינפטער באַנד — ראָמאַנטישע יאָרן
זעקסטער באַנד — מעשיות פון דער רוסישער קאַזאַרמע
זיבעטער באַנד — לידער
אַכטער באַנד — דערצעלונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע
ניינטער באַנד — איך, זי און ער
צענטער באַנד — אייביג איינזאַם
עלפטער באַנד — דאָס אַנאַרכיסטישע מיידל
צוועלפטער באַנד — אונזער פרוי (דער גט)

ז. סעגאלאוויטש

פּאעמען

ווארשע 1926

כ׳האב ליב דאָס פרעמדע לאַנד,
דאָס לאַנד פון צאַרטע לידער —
דאָ לעבט אַ גרויסער טרויער
פון מיינע גלות־ברידער...

כ׳האָב ליב דאָס פרעמדע לאַנד,
דאָס לאַנד פון בונטע פאַרבן...
דאָ בין איך נישט געבוירן,
דאָ וועל איך אפשר שטאַרבן...

אין קאזמערזש

1

און ווידער אין קאַזמערזש... וואַרט, פורמאַן, געלאַסן!
די פערד דיינע פליען, ווי ווילדע פון באַרג...
און קינדער פיל לויפן מיר נאָך און באַגריסן,
און שרייען: „דער פריץ!“ און פרייען זיך שטאַרק.
דער פריץ פאַרמאָגט אויף די וואָלקנס אַ פּאַלאַץ:
אין מערב-זייט הענגט דאָרט מיין גאָלדענעס הויז, —
אויף דר׳ערד בין איך אָרים, ווי אייער׳ע טאַטעס,
כאָטש ניי איז מיין בגד, און רייך זע איך אויס...
ווען אייך זיך וועט גלוסטן, דאַן קומט אין מיין פּאַלאַץ!
איר קינדערלעך קליינע, איר חלומט נאָך ווען...
דערווייל צעטייל איך אייך עטלעכע גראָשנס,
קויפט ניסלעך און שפּילט זיך, מען וועט זיך נאָך זען.

2

איר קענט נישט דאָס שטעטל.., עס מעג אייך פֿאַרדריסן;
דאָ שוועבן און לעבן לעגענדן אַ סך,
דאָ שפּיגלען אין טייך זיך פֿיל בערג און פֿיל סעדער,
דאָ ציט זיך צום הימל אַ שלאָס אָן אַ דאַך...
אין שלאָס האָט געלעבט ווען דער איידלסטער קעניג,
היינט קראַקען דאָרט קראָען פֿון לאַנג שוין, אויף לאַנג...
און אָפּטמאָל באַנאַכט פֿאַלט אין פּאַלאַץ אַ שטערן,
נאָר קיינער געפֿינט נישט דעם הימלס געשאַנק.
דאָ לעבט נאָך די אמתע ייִדישע פֿרומקייט
און שטאַרבט, ווי די אוראַלטע דעמבע באַם וועג,
דאָ ווייזט זיך נאָך אָפּט אַ צעשראָקענע סערנע
און לויפֿט באַלד אַוועק מיט אַ גרעסערער שרעק...

3

דאָ שלענגלען זיך בערג פֿיל מיט טאָלן געהיימע,
פֿיל גרינע טונעלן באַוואַקסן מיט וואַלד,
אַ קוועלכל אַ קלאָרער דערציילט אונדז פֿון יוגנט,
כאָטש אַלט איז דאָס שטעטל, און אַלץ איז דאָ אַלט.
און ווייטער פֿון קאַזמעריזש, גאָר טיף אין די טאָלן,
שפּאַציר איך מיר אָפּט אָן אַ וועג, אָן אַ פּלאַן:
עס טרוימט מיר אַ וואַלד-קינד, אַ נימפֿע אַ ווייסע,
עס טרוימט מיר דער וואַלד-גאָט, דער איינזאַמער פּאַן.
פֿרעמד זענען אַזעלכע חלומות אין גלות,
און זאָל איך מיין זינגען נישט פֿרעמד זיין אַזוי!
עס רופֿט די נאַטור אונדז, עס רופֿט אונדז איין שטימע,
נאָר נישט אַלע הערן — איך הער און איך גיי...

4

איך ווייס נישט, פונוואַנען איך האָב אַזאַ בענקשאַפט.
אין רויכיקער שטאָט איז מיין יוגנט פאַרביי...
דאָך ציט מיך פון שטאָט=רויש צום רויש פון די ביימער:
אין וואַלד בין איך רויִק, אין פעלד בין איך פריי...
כ'האָב ליב איבער מיר זאָל זיך ציִען דער הימל,
דער אָפענער הימל אין בלענקעט און בלוי,
כ'האָב ליב זיך צו בייגן פאַרנאַכט צו די בלומען,
פאַרנאַכט, ווען זיי טרינקען זיך אָן מיט דעם טוי.
און זע איך די קינדער, וואָס שפּילן אויף לאָנקעס,
טוט וויי מיין נשמה פון פרייד און פאַרדרוס,
און הער איך אין שניט=צייט אַ ליד אויף די פעלדער,
דערמאָנען זיך גלייך מיר די צייטן פון רות...

5

דריי קלויסטערס אין קאַזמערזש און אַלע דריי זענען
מיט ביימער פאַרינגלט, מיט ביימלעך אַ סך;
און אונדזער בית-תפילה, להבדיל, שטייט איינזאַם,
פאַרוקט אין אַ ווינקל, צעבראָכן דער דאַך...
אַ ניגון אַ מידער פאַרשטאַרבט אין די ראַמען
פון אָפענעם פענסטער... איך גיי גיך פאַרביי;
דער ניגון באַגלייט מיך נישט ווייט מיט זיין טרויער,
ער ווערט באַלד צערונען אין זינגען פון מאַי...
ווי רופט מען די פייגלעך? ווי הייסן די בלומען?
עס האָט אונדזער שפּראַך נישט קיין נעמען פאַר זיי:
באַשערט זיך צו פרייען אַזוי, ווי אַ שטומער,
אַזוי, ווי אַ שטומער, פאַרבאָרגן ד״ וויי...

6

מיט שניי־ווייסע קרוינען באַפּוצט זיך דער גאָרטן,
עס בליִען די קאַרשן, דער עפּל־בוים בליט,
אַ ראָזאָווער קווייט פליקט זיך אָפּ פון זיין צווייגל
און שוועבט לייכט... און פליט, ווי אַ פעדערל פליט...
כ'וואָלט וועלן אַזוי מיין נשמה באַפרייען,
אַזוי, ווי דאָס קווייטל באַפרייט זיך פון בוים,
אַזוי, ווי אַ קינד, וואָס פאַרקלויבט זיך נאָך בלומען
און קומט שפּעטער גליקלעך און פריילעך אַהיים.
זי זיצט אָבער פעסט אין איר שטייגל פון זאָרגן,
און שפּייזט זיך מיט ספקות, און קען נישט זיין פריי.
מיין אומרו־נשמה, כאָטש איינמאָל אין לעבן,
זיי רויִק איינגאַנצן, זיי גליקלעך אין מאַי...

7

געבענטש זייט, איר רויִקע פאַליעס פון ווייכסל!
איר טראָגט איצט אָן שטורעם אַוועק מיינע טעג.
פיל שטיפערס, פיל ייִנגלעך פאַרשווינדן פון חדר
און קומען צו לויפן מיט ווענטקעס צום ברעג.
עס צאַפּלט אַ פישל, עס פרייט זיך אַ ייִנגל,
איך ליג אין אַ שיפל פון ווייטן און שווייג...
עס דאַכט, ס'איז אַ חלום דער טייך מיט די ייִנגלעך,
דער פויגל, וואָס וויגט זיך און זינגט אויף דער צווייג...
אַ ווינט־מיל באַוועגט זיך פון ווייטן געלאַסן,
די פליגלען זיי פאָכן און רוען זיך אָפּ:
אַזוי, ווי אַן אָדלער אַ שוואַרצער, אַ גרויסער,
וואָס מאַטערט זיך פליִען און פאַלט שווער אַראָפּ.

8

עס שווימען גאַנץ קליינע און גאָר גרויסע וואָלקנס,
מיט גאָלדענע זוימען און פּורפּור פאַרקליידט;
זיי איילן צו מערב, און שטאַרבן אין מערב,
איינעם מיט זיי שטאַרבט דער טאָג שטילערהייט.
וואָס אַרט מיך זיין שטאַרבן? וואָס דאַרף איך די וואָלקנס?
איך ליב בלויז די פלאַמען, וואָס פלאַקערן שיין...
דאָך שלינגען די' וועלן איין טרער נאָכן צווייטן,
איך וויין, און איך ווייס נישט אַליין, וואָס איך וויין.
צי כ'בענק נאָך דער שטאָט, וואָס איך האָס אַזוי ביטער?
צי כ'בענק נאָך די פריינט, וועלכע זענען נישט טריי?
צי עס פעלט מיר איצט שטאַרק, דאָס איינציקע מיידל,
וואָס אין בענקען נאָך איר איז מיין יוגנט פאַרביי?

9

ס'איז נאַכט, עס איז שטיל, איצטער שטויבט נישט אין ערגעץ
די' אָרימע יידישע קרעמלעך פאַרמאַרכט.
פאַרשלאָסן מיט שווערע אַלט-מאָדישע שלעסער...
בעלויבט ביסטו, גאָט, וואָס מען רוט כאָטש בײַנאַכט.
פאַרינגלט מיט אַלטע און נייע בית עולמס
שלאָפט קאַזמערזש און חלומט. נאָר עמעץ איז וואַך:
דער פאַסטוך, דער שטומער, באַגעגנט מיך פלוצלינג.
וואָס ווינקט ער צו מיר? כ'פאַרשטיי נישט זיין שפּראַך:
ער ווייזט מיר דעם שלאָס אָן, ער ווייזט אָן דעם טורעם,
וואָס שטייט אויפן באַרג, ווי אַ פוסטער סקעלעט...
ווי נישטיק דער טאָג זעט מיר אויס אין דער פינסטער,
ווי עלנט די וועלט איז בײַנאַכט אַזוי שפּעט...

10

עס טאָגט שוין, עס קומט אָן אַ נייער פרי־מאָרגן...
עס זינגען די וועלדער — דאָס זינגען וויגט איין.
מיין מידע נשמה! שוין צייט צו גיין שלאָפן;
אין שלאָפן וועסטו אפשר גליקלעכער זיין, —
דער גאָט פון חלומות איז גאָר נישט קיין קאַרגער.
אין חלום וועט קומען מיין מיידל צו מיר,
אין חלום וועט שטרייטן מיין פאָלק פאַר זיין צוקונפט;
דער גאָט פון חלומות ער שטייט שוין אין טיר.
עס טויען די פעלדער, ווי נאָנטע מזבחות,
עס הייבט זיך דער רויך און צערינט באַלד אין לופט.
איך פאַל אויף מיין בעטל, צערייצט פון פרי־מאָרגן —
דער גאָלדענער חלום, ער רופט שוין, ער רופט.

* *
*

11

אַזוי, ווי אַ גלעקל, וואָס הילכט אויף די לאָנקעס,
אַזוי, ווי אַ באַרג־וואַל, וואָס קלינגט זילבער־ריין,
דערגרייכט צו מיין פענסטער אַ יונגער געלעכטער...
צי עס דויערט דער חלום! כ׳קען נישט פאַרשטיין.
איך האָב שוין אַ שכנה אין אונטערשטן גאָרן
(שוין לאַנג בין איך רויק און איינזאַם געווען),
איך האָב שוין אַ שכנה... אַזוי, ווי אַ גנב,
אַנטלויף איך פון צימער, זי זאָל מיך נישט זען...
נאָר לויפנדיק איינמאָל, האָב איך זי באַגעגנט;

מיר האָבן זיךביידע באַמערקט און באַטראַכט —
ווען איך האָב געציטערט אַזוי, ווי אַ פרעמדער,
האָט זי זיך גאַנץ קינדיש און היימיש צעלאַכט...

12

איך ווייס נישט איר נאָמען — איך דאַרף עס נישט וויסן,
איך ווייס נישט איר היימאַט — נאָר שיין איז זי, שיין!
איך לויף נאָך, ווי פריִער, אין רויִקע ווינקלעך,
נאָר שווער איז מיר איצטער צו בלייבן אַליין...
אַך, קאַזמערזש, ביסט איצטער נאָך שענער געוואָרן:
(אין ראַם האָט זיך פלוצלינג אַ בילד איינגעפאַסט).
כ'האָב היינט אין מיין צימער אַ בלימל געפונען;
פון גליק האָב איך פריילעך געשטיפט און געשפאַסט,
נאָר נישט מיט דעם מיידל פון אונטערשטן גאָרן —
איך האָב מיטן ווינטל געשטיפט און געשפילט...
דערנאָך איז אַ ריזיקער וואָלקן געקומען
און האָט אַלץ אין שוואַרצקייט, אין חושך פאַרהילט...

13

שוין עטלעכע שעה, ווי עס בליצט און עס דונערט,
עס רעגנט, עס שטורמט, עס גייט נישט אַוועק...
פון שכן די דינסט איז געקומען מיר רופן:
דאָס פריילין, דאָס יונגע, זי ציטערט פון שרעק.
זי רופט מיך?... געבענטשט זאָל דערפאַר זיין דער דונער,
דער פלאַמיקער שדכן — געבענטשט זאָל ער זיין!
זי שמייכלט און ציטערט, מיר ציטערן ביידע,
כאָטש ס'דאַכט מיר, איך בין אין גן-עדן אַריין.

דער דונער ווערט שוואַכער, צי דען האָט ער טאַקע
פאַר מיר זיך דערשראָקן? דער שטורעם ווערט שטיל...
מיין, יונגע באַקאַנטע זיצט רויִק און זיכער
און פרייט זיך אין האַרצן — איך שפיר עס און פיל...

14

אויף יעטוועדער פרייד פון דיין זאָרגלאָזן לעבן
קען איך דיר דערציילן יסורים אַ סך;
אויף יעטוועדער טרעל פון דיין קינדישן לאַכן —
אַ צענדלינג עלעגיעס... נאָר פריי זיך און לאַך.
אַך, רעד־זשע, דערצייל מיר! דיין פרייד איז מיר נייטיק
אַזוי, ווי דער רעגן איז נייטיק דעם פעלד,
אַזוי, ווי די היימאַט — דעם איינזאַמען וואַנדרער,
אַזוי, ווי די דרייסטקייט איז נייטיק דעם העלד...
כאָטש כ׳ווייס נישט, פון וועמען דו קומסט אַלס שליח:
פון גאָט צי פון טייוול, ברענגסט טרויער, צי גליק?
אַלץ איינס... איך וועל דאַנקען דעם היינטיקן דונער,
כ׳וועל מער שוין נישט לויפן פון שטורעם צוריק...

15

אַזוי, ווי אַ ביימל מיט גאָלדענע רויזן,
אַזוי איז איר קעפל מיט לאָקן באַדעקט,
און גרוי־בלויע אויגן מיט טונקעלע ברעמען;
איר בליק איז פאַרוואונדערט, ער פרעגט וואָס, ער פרעגט...
איר נאָמען איז וואַנדאַ... אַ פוילישער נאָמען,
נאָר זי איז אַ חסידס אַ טאָכטער, מיין גאָט!
זאָל קיינער פאַר קיינעם קיין וואָרט נישט פאַרטרויען,

כאָטש מיר וועט דאָ שווער זיין צו האַלטן דעם סוד...
זי שעמט זיך... זי ליבט נישט דעם טאַטן, דעם פרומען,
זיי זענען, ווי פרעמדע פון קינדווייז ביז היינט;
וואָס גייט עס מיך אָן? עס איז מאַי, עס איז פרילינג,
מיר פילן עס ביידע, מיר זענען שוין פריינט.

16

די ווייסקייט פון גאָרטן ווערט לאַנגזאַם פאַרשווונדן,
די ביימער באַפוצן זיך אַלע ביי-גרין;
נישטאָ שוין קיין בעז מער, נישטאָ קיין אַקאַציעס,
עס בליט שוין נישט מערערער דער זיסער זשאַסמין...
אין פעלד אָבער בליִען שוין פיל מאַרגאַריטקעס,
און וואַלד-גלעקלעך בלויען זיך אונטן אין טאָל —
דאָס אַלעס וועט קומען צו וואַנדען אין צימער...
און וואַנדאַ! זי הערט שוין פון וויטן מיין קול...
אויב דו האָסט געבענקט — בין איך טויזנט מאָל גליקלעך,
אויב דו האָסט געוואַרט — בין איך איצטער דיין האַר...
נישט באַהאַלט-זשע די זודיקע, זאַפטיקע ליפּן,
איין קוש... זאָל דער קוש דיר נישט ברענגען קיין צער...

17

עס בליִען שוין רויזן, איך רייס זיי אין גאָרטן,
און וואַנדאַ נעמט צו די מתנות מיט פרייד,
מיר שטיפן און פרייען באַ טאָג זיך, ווי קינדער,
און שווייגן פאַרנאַכט, ווען דער הימל ווערט רויט.
אין מערב-זייט הענגט דאָרט מיין גאָלדענער פּאַלאַץ,
און שווייגנדיק שוועבן מיר ביידע אַהין,

וו ס'רייצן אונדז פלאַמיקע, ווילדע פאַנטאַזיעס...
מיר האַלדזן זיךביידע אָן שרעק און אָן זין.
דערנאָך, ווען דער הימל פאַרדעקט זיך מיט שטערן,
לויפט וואַנדאַ אַהיים און פאַרשליסט זיך פון מיר;
זי רייסט מיינע רויזן, זי פליקט זיי אויף פיצלעך —
באַגינען געפינט זי שוין פרישע באַם טיר...

18

עס וואַקסט אויף די פעלדער, עס פאַליען די זאַנגען
מיט בלימלעך מיט בלויע געמישט און מיט מאָן,
און וואַנדאַ איז פרייליך אַזוי, ווי אַ פויגל,
פון אַלעם פאַרוווּנדערט, און אַלץ קוקט זי אָן:
זי איז שוין געווען אין אַלע דריי קלויסטערס,
געווען, זיך געפרייט, מיט באַגייסטערונג פול,
דאָך האָט זי זיך מאָדנע פאַרקרומט און צעבייזערט,
ווען איך האָב איר געוויזן געוואָלט אונדזער שול...
כ'האָב דאַמאָלס דערפילט טיף דעם ווייטיק פון פרעמדקייט,
געפילט, אַז מיר זענען צעטיילט דורך אַ תהום,
גאָר זי האָט אַפילו מיין שמערץ נישט פאַרשטאַנען:
געשטיפט און אַנטלאָפן, געלאָפן אַהיים...

19

שוין תמוז, דער אמתער זוניקער זומער,
עס גליען די שטראַלן און רייצן דאָס בלוט...
וואָס שווייגסטו אין שאָטן? וואָס ציטערט דיין קערפער?
ביסט צייטיק און הילפלאָז... אַ שווערע מינוט...
די ליפן געעפנט, די ציינדלעך פאַרשלאָסן,

אַזוי, ווי זיי וואָלטן דערשטיקט דעם פאַרלאַנג...
דו אָטעמסט צעשראָקן... נישט שרעק זיך, זיי רויק:
עס האָט מיך באַפאַלן אַ קאַלטער געדאַנק...
דו הערסט, ווי די לערכע צעגיסט זיך אין זינגען
דאָס לויבט זי דיין ריינקייט... ביסט ריין, ווי געווען, —
אין מיר אָבער הערשט איצט אַ שטורעם, אַ גיהנום:
פאַרוואָס איז אַזוי און נישט אַנדערש געשען?

20

עס האָט מיך דאָס לעבן געלערנט זיין אַ בייזער,
און אָפט טאַקע בין איך צו אַנדערע שלעכט...
נאָר מאַמע! דיין ווייכקייט פאַרסמט מיר דאָס לעבן,
איך בין באַ דיין גוטסקייט אַן אייביקער קנעכט...
עס קוקן אויף מיר אומעטום דיינע אויגן,
אַזוי, ווי צוויי שומרים, וואָס היטן אַ שקלאַף,
ווען איך זאָל דיר בלייבן אַ זון אַ געטרייער,
דאַן בין איך אויף אייביק געבונדן און שלאַף.
ווייל לעבן מיט מצוות און אייביקער פרומקייט,
הייסט לעבן אָן דרייסטקייט, אָן מוט, אָן געווער...
און לעבן מיט ספקות איז ערגער, ווי שטאַרבן.
איך ווייס עס פון לאַנג, און דערפאַר איז מיר שווער.

* *
*

21

עס שטייען שוין פאַרטיקע פעלדער מיט זאַנגען,
עס פאַלן שוין סנאָפּעס מיט צייטיקן ווייץ:
די שניט-צייט, זי פאָדערט פיל שווייס און פיל קרעפטן,
די אַרבעט — זי האָט דאָך פיל שיינקייט און רייץ.
ווי פלינק, ווי עלאַסטיש די עלטערן שניידן,
ווי קונציג די קינדער פאַרבינדן אַ סנאָפּ,
ווי שטאָלץ און ווי מיד מען באַגעגנט דעם אָוונט,
צום סוף, ווען מען פירט שוין די תבואה אַראָפּ..
דאָס פעלד ווערט שוין ליידיק — דאָך פול ווערט דער שייער,
די אַרבעט זי מאַטערט, און מוטיקט, און פרייט..
אַוועק וועט דער זומער — דאָך לאָזט ער וואָס איבער
פאַר די, וועלכע האָבן די פעלדער פאַרזייט..

22

באַ אונדז אָבער גרייט מען זיך איצט צו אַ תענית,
מען זיצט און מען קלאָגט אַלטע קנות אויף דר׳ערד,
איך שטיי דאָ מיט וואַנדען באַם שול, בא דעם פענסטער...
זי שוויגט, עפּעס האָט זי זיך מאָדנע פאַרקלערט.
צי לעבט אויך אין דיר אונדזער אייביקע בענקשאַפט?
צי פאַנגט דיך דער צער פון דער נאַכט אַזוי גיך?
צי איז דיר כאָטש איצטער פאַרשטענדלעך מיין טרויער:
מיין פאָלק האָט פאַרלוירן דאָס גלויבן אין זיך...

וואָס טראַכסטו, פאַרפרעמדטע, צי שפּאַטסטו פון גלות?
צי פילסטו זיי מיט, די געבויגענע קנעכט?
צי טרוימסטו אויף ס'ניי דיינע שיינע חלומות
אַזוי, ווי אין אַנדערע ליכטיקע נעכט?

23

כאָטש שיין איז דער אָוונט, כאָטש דו ביסט באַחנטער
ווי שטענדיק... נאָר מיר איז איצט אומעטיק, שווער.
ווייל טיף איז דער אָפּגרונט, וווּ איך בין פאַרוואָרפן,
איך זע פון גאָטס ליכט בלויז אַן אָפּגלאַנץ — נישט מער...
צו וואָס האָסטו, גאָט, מיר געגעבן מיין בענקשאַפט?
צו וואָס איז דער פאַקל, וואָס ברענט אַזוי שוואַך?
איך וועל דאָך דעם אָפּגרונט מיט אים נישט באַלויכטן,
איך הער דאָ בלויז זיפצן און קללות אַ סך...
איך קען זיי נישט העלפן, איך קען דאָ נישט שטרייטן;
נישטאָ דאָ אין גלות קיין שלאַכט-פעלד, נישטאָ,
קיין קרבן נישטאָ און נישטאָ קיין מזבח,
ס'פעלט גלויבן און שטאָלץ אין דער ביטערער שעה...

24

פאַרהאַן דאָ אין קאַזמערזש אַן איינזאַמער קבר,
אַ שטיינערנע פּליטע פאַרצייכנט דאָס אָרט:
„דאָ איז ער געפאַלן, דאָ ליגט ער באַגראָבן",
און שטיל איז, מער זאָגט די מצבה קיין וואָרט,
נאָר וואַנדאַ דערציילט מיר דעם סוד פון דעם קבר:
מען האָט דאָ געשטריטן אַמאָל אויפן פעלד;
זי רופט מיר אָן נעמען פון קעמפער פיל פרעמדע

און שיט אויס מיט בלומען דעם קבר פון העלד.
אין קני דאַן געדאַנקלעך מיט גרויס דרך־ארץ
פאַר דעם, וועלכער האָט דאָ געפונען זיין רו...
— „נאָר, וואַנדאַ, וואָס ווייסטו פון אונדזערע קברים?״
זי לאָזט מיר די פראַגע אפילו נישט צו...

25

כ׳וועל בעסער פאַרבאָרגן אין האַרצן מיין ווייטיק
און זוכן אין וואַנדעס אַ שמייכל מיין גליק.
עס בליִען שוין מאַלוועס, ווי דאָרפישע מיידלעך,
וואָס גייען פאַרפוצטע פון יאָר־מאַרק צוריק.
עס ווערן שוין רויטער און שוואַרצער די קאַרשן,
עס פאַלט שוין אַ באַרגע האַלב-צייטיג פון בוים
און יידישער דלות האָט נייע פרנסות:
מען לעבט אין די סעדער — אַ ביליקע היים...
פאַרוקט אין אַ ביידל, אזוי ווי ציגיינער,
מיט קינדער, וואָס לויפן האַלב־נאַקעט אַרום,
די מאַמעס, זיי שילטן און קושן די קינדער,
זיי קלאָגן, און האַנדלען, און שווערן זיך פרום.

26

ט׳אַזוי, נישט גערעדט, נישט גערייצט די געדאַנקען,
אָט אַזוי, ווי די נאַכט, זיי רויִק און טרוים;
מיין בענקשאַפט פאַרשווינדט אין דיין קינדערשן שמייכל,
אַזוי, ווי אַ שטיין ווערט פאַרשווינדן אין תהום.
איך ווייס נישט די פרייד פון טריומפירנדן זיגער,
איך ווייס נישט דאָס גליק פון די הערשער אויף דר׳ערד, —

מיין גליק איז די שטילקייט, דאָס שמערצלאָזע שווייגן,
מיין גליק איז באַנאַכט בלויז מיט דיר מיר באַשערט...
כ'וואָלט וועלן פאַרהאַלטן אויף אייביק די רגע,
פאַרזיגלען אין האַרצן אויף שפּעטער, אויף לאַנג...
נאָר ס'ווערן שוין בלייכער און בלייכער די שטערן,
עס נאָגט שוין מיין ברוסט, עפּעס טוט מיר שוין באַנג...

27

עס ציִען זיך מאַטאָווע טעג... לייכטע וואָלקנס
פאַרדעקן די זון אין די דאָזיקע טעג:
עס פאַלט נישט קיין רעגן, מען הערט נישט קיין דונער,
אַ שאָטן אַ קילער פאַרדעקט יעדן וועג...
דער גאָרטן זעט איצטער אין שאָטן אויס גרינער,
די דופטן פון בלומען פאַרהאַלטן מיך אָפּט,
עס טראַכט זיך גאָר ווייניג, עס לעבט זיך געלאַסן,
די ליידנשאַפט מיינע זי רוט איצט און שלאָפט...
און וואַנדעס געלעכטער קלינגט שוואַכער, ווי שטענדיק,
זי צאַפּלט נישט איצט, ווען איך נעם זי אַרום...
ווער ווייסט, וואָס דאָס איז? ווער פאַרשטייט אַזאַ שטילקייט?
די טעג זענען רויִק, דאָס האַרץ מיינס איז שטום...

28

נאָר גיך פאַלט אַרונטער פון הימל דער שלייער,
די זון זי צעלאַכט זיך מיט שטראַלן און ליכט,
אַזוי, ווי אַ הערשער אַ שטאַרקער, אַ שטאָלצער,
וואָס קומט און באַזיגט און באַפרייט אומגעריכט...
די מענטשן, די פייגלעך באַוועגן זיך שנעלער,

און וואַנדאַ פאַרהאַלט מיך אין גאָרטן און לאַכט...
ביז אָנמאַכט פאַרשיכור איך זי מיט מיין קושן,
זי רייסט זיך אַרויס און פאַרשווינדט ווו ביז נאַכט;
דו וועסט נישט אַוועקגיין, דו וועסט נישט אַנטלויפן!
עס ברענט אין אונדז ביידע איין פייער, איין פלאַם.
צי ווילסטו פון זומער מיר מאַכן אַ גיהנום?
צי ווילסטו פאַרוואַנדלען די בלומען אין סם?

29

די ווייכסל גלאַנצט ניי, ווי אַ שווערט אַ געשאַרפטע,
און שפיגלט אין זיך די רויִנען פון באַרג,
איצט לעבט אַלץ, ווייל אַלץ איז באַגאָסן מיט שטראַלן...
גאָט פילט זיך היינט לוסטיק, די זון איז נישט קאַרג...
מען באָדט זיך... עס הילכן געלעכטערס פון קינדער,
עס שפריצן די פאַליעס מיט זילבערנעם שוים,
די פייגלעך פון ברעג ווערן אַלע פאַרשוווּנדן,
די פישלעך אין וואַסער באַהאַלטן זיך קוים,
די שטיפערס זיי יאָגן נאָך איינער דעם צווייטן,
עס רייצט זיי, עס פרייט זיי דער לוסטיקער שפּיל...
אָפט ווערט פון זיי איינער אין וואַסער פאַרשוווּנדן,
דאָ בלייבן זיי אַלע צעשראָקן און שטיל.

30

דאָך באַלד שוין דערהערט זיך אַ קוויטש, אַ געלעכטער —
די פאַליעס צעהוליען זיך ווילד אויף דאָס ניי.
עס באַווייזט זיך אַ קאָפּ און אַ ראָזאָווער קערפּער,
צוויי הענט, ווי צוויי פליגל, באַוועגן זיך פריי.

עס קומען די טאַטעס, די שטרענגע, די שטילע,
און טוען געלאַסן זיך אויס אויפן ברעג,
זיי שפּרייזן אין וואַסער און ווערן באַלד פרייליך
און לאָזן זיך אויך מיט די שטיפערס אַוועק.
עס צאַפּלען זיך קערפּער אין זילבערנע פּאַליעס
פון יענער זייט ווייכסל דערגרייכט אַ געשריי:
דאָרט טאָר מען נישט קוקן, דאָרט באָדן זיך מיידלעך,
די זון, בלויז די זון מעג זיך שפּילן מיט זיי.

* *

*

31

איך שטיי דאָ באַם גאָרטן פאַרטריבן, באַליידיקט;
איך רוף זי, זי קומט נישט, איך גיי נישט צו איר.
זי זינגט דאָרט פאַר חעמען, זי לאַכט פון דער ווייטן,
עס דאַכט מיר, דאָס לאַכט זי און חוזקט פון מיר...
ווו לויפט מען אַוועק פון דעם גליִענדן גיהנום?
ווי טויט מען דעם ווייטיק? מיט וואָס פאַר אַ שווערט?
עס פינקלען די שטערן, ווי שטענדיק, ווי שטענדיק,
עס פאַלט שטום די שטילקייט פון הימל אויף דר'ערד.
עס שלעפן די פיס זיך פון געסל צו געסל,
מיין שאָטן לויפט פאָרווערטס און טאַנצט אויף די ווענט,
איך מורמל אַ הספד און ווערג זיך מיט טרערן;
די שול איז באַלויכטן: אַ יאָר־צייט־ליכט ברענט...

32

זי גייט מיט אַ פרעמדן... איך קען אים פון פריִער,
י האָט שוין נישט איינמאָל זיין נאָמען דערמאָנט.
כ'האָב גאָרנישט גערעכנט, כ'האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען —
זי איז דאָך מיט מיר דאַן געווען אַזוי נאָנט...
אַ קוואַל ווערט אַמאָל אַזוי האַסטיק פאַרשוווּנדן,
אַ פויגל אַ פלינקער אַנטלויפט אַזוי גיך,
אַזוי, ווי מיין חלום איז פלוצלינג געשטאָרבן, —
איך טראָג איצט אַ פוסטקייט אַ גרויסע אין זיך...
דאָס אַלץ, וואָס האָט נעכטן געריצט און געצויבערט,
איז היינט אַזוי נישטיק, פאַרטרויערט און גרוי;
די הענט, וועלכע האָבן צו גאָט זיך געהויבן,
זיי פאַלן אַראָפּ איצט... קיין לוסט איז נישטאָ...

33

אַ פרעמדער, אַ פרעמדער... פון די, וועלכן האַסן
און שפּאָטן פון אונדזער פאַרוואָגלטן דור,
דערפאַר איז מיין שמערץ און מיין אייפערזוכט טאָפּלט...
זיי גייען און לאַכן — אַ גליקלעכע פּאָר...
זי שפּרייזט און עס לויפן איר נאָך אַלע שטראַלן.
זיי זאַמלען צונויף זיך בײַ איר אויפן קאָפּ,
זיי קושן און גלעטן די גאָלדענע לאָקן,
די ברעמען, וואָס פאַלן פון מידקייט אַראָפּ.
מיך האָט זי פאַרגעסן אינגאַנצן, אויף שטענדיק;
זי וועט שוין נישט קומען, איך ווייס עס גאַנץ גוט,
איך וויל בלויז געפינען מיין גלייכגעוויכט ווידער,
איך וויל בלויז פאַרלעשן מיין צאָרן, מיין ווּט...

34

אָ, ייִדישע טעכטער, איר בלומען פון גלות!
אַ סוד איז פאַר מיר אייער אייביקער חן:
איר בליט אין אַ וויסטן פאַרעלנדטן גאָרטן —
אויף דערנער, אויף שטיינער... איר בליט אַזוי שיין.
די פרעמדע זיי מאַכן אַלץ וויסטער דעם גאָרטן,
זיי רויבן אַוועק אונדזער שטאָלץ, אונדזער גליק.
פאַר אייך אָבער קניִען זיי, ייִדישע טעכטער,
נישט שענקט זיי, נישט שענקט אייער ערלעכן בליק.
נישט שענקט זיי קיין ליבע פאַר דורות יסורים, —
מיר ליידן, ווער וועט אונדז באַלאָדן מיט מוט?
ווער וועט אונדז דאַן טרייסטן און האָפנונג געבן?
אַך, דאַן! ווען עס קומט די דערוואַכונגס־מינוט...

35

עס האָבן פיל טרוימער צו דיר שוין גערופן,
אַלמעכטיקער הערשער! צי הערסטו כאָטש ווען?
עס האָבן נביאים אין מדבר געבלאָנדזשעט,
געקניט און געבעטן: אַ נס זאָל געשען...
דאָך גרויס, אַך צו גרויס איז דער אייביקער ווונדער,
דאָס שטענדיקע ליידן, דאָס לעבן פון קנעכט...
דו שווייגסט, און מיין פאָלק איז געוווינט צו דיין שווייגן
עס ליידט, עס שטאָלצירט און עס פילט זיך גערעכט.
נאָר מיר איז דאָ פינסטער אין גלות אין אַלטן,
און מיר איז דאָ ענג, צווישן אייגענע ענג...
רבונו של עולם! גיב כוח, גיב פליגל,
אַ וועג ווייז מיר אָן און אַ האָפנונג ברענג.

36

כ׳גיי ווידער אַליין אין די רויִקע טאָלן
אַזוי, ווי אַן אבל, וואָס רעדט נישט קיין וואָרט...
די אייפּערזוכט טאַנצט נאָך מיט מיר, נאָר איר ווילדקייט
באַגלייט מיך שוין איצט נישט אויף יעטוועדער אָרט:
ס׳וועט קומען, ס׳וועט מוזן די רויִקייט קומען;
דער זומער, ער גייט שוין דערווײַלע אַוועק;
עס בלאָזט שוין פאַרנאַכט אָפּט אַ ווינטל אַ קילער,
עס ליגט נאָך דאָס לעצט ביסל היי אויפן וועג,
עס בליִען די אַסטרעס, די דופּטלאָזע בלומען,
מיט בונטע קאָלירן, וואָס רייצן פון ווייט —
די לעצטע מתנה פון שפּעטיקן זומער,
עס בעטן די עפּל פון בוים זיך... שוין צייט!

37

און וואַנדאַ מיין שכנה... אין אונטערשטן גאָרן
איז עפּעס אַ טומל, איך הער אַ געשריי;
דער טאַטע, דער חסיד, איז פּלוצלינג געקומען —
ער פרעגט אויף זיין טאָכטער און חלשט פון ווײ...
זיי זענען פאַרשוונדן, זיין קינד מיטן פרעמדן,
אַזוי, ווי צוויי פייגלעך, וואָס בייטן די נעסט.
איר צימער איז ליידיק, דער גאָרטן איז ליידיק...
עס כאַפּט מיך אַ בענקשאַפט און שטיקט אַזוי פעסט...
געשווינד אויף די פעלדער, געשווינד צו דער שטילקייט —
דאָרט טויט איך מיין בענקשאַפט און שמיד מיין פאַרלאַנג;
צעשטערט האָט אַ דונער מיין שלאָס אויף די וואָלקנס,
פאַרסמט האָט דער זומער מיין לעבן אויף לאַנג...

38

פאַרהאַן דאָ אַן אוהל באַם אַלטן בית-עולם,
אַ קליינע געביידע פון שטיינער און האָלץ;
דאָרט ברענט אַ נר-תמיד שוין עטלעכע דורות,
עס ברענט אַזוי רו׳ק באַהאַלטן און שטאָלץ...
דאָרט ליגן באַגראָבן צוויי גרויסע צדיקים,
די קברים מיט קוויטלעך פאַרשאָטן, פאַרדעקט.
די קוויטלעך דערציילן פון טויזנטער צרות,
און אַנדערע זענען פון טרערן פאַרמעקט...
דאָרט זיצט איצט דער חסיד, דעם קאָפּ אויפן קבר,
די אויגן פאַרווייניטע און הילפלאָז דער בליק...
ער בעט באַ די טויטע, זיי זאָלן אים העלפן,
זיין טאָכטער, די שיינע, זאָל קומען צוריק...

39

ער בעט באַ די טויטע, און איך באַ דער שטילקייט,
מיר בלייבן דאָך ביידע אָן טרייסט און אָן פרייד.
און יענער, דער פרעמדער, איז גליקלעך מיט וואַנדערן!
געגנוג שוין צו קלאָגן, דער הימל ווערט רויט...
עס קומט אָן די שעה, ווען עס ווילט זיך מיר שווייגן,
די שעה, ווען מיין בליק איז צו מערב געווענדט.
עס ווילט זיך מיר קנ׳ען פון שרעק און אַנטציקונג,
עס הייבן צום הימל אַליין זיך די הענט...
דאָך טונקעלער ווערן די וואָלקנס, די ביימער,
און עלנדער פיל איך זיך איצט אויף דער ערד.
אַ פלעדערמויז פליט איבער מיר יעדע ווײלע.
וואָס וויל זי? מיין גליק איז פון לאַנג שוין צעשטערט.

40

פאַרשלייערט אין וואָלקנס גייט־אויף די לבנה,
באַהאַלט זיך און קוקט באַלד אַרויס, ווי אַ לץ...
אָפט ווייזן זיך שטערן, ווי פישעלעך קליינע,
וואָס זיפּן זיך דורך אַזוי פלינק דורכן נעץ...
אָ, וואָלקנס, פאַרשווינדט ווו, זאָל ריין זיין דער הימל!
זאָל איצט יעדער שטערן באַווייזן זיין פראַכט!
איך ענדיק מיין דאַוונען! איך וויל מיין פאַרצווייפלונג
פאַרוויגן געלאַסן אין שויס פון דער נאַכט...
איך וויל, אַז מיין תפילה זאָל עמעץ דערהערן,
און עמעץ זאָל טרייסטן. איך שווייג לאַנג און וואַרט.
עס האָבן מיך מענטשן גענאַרט און חלומות,
צי דען האָט די שטילקייט מיך אויך אָפגענאַרט?...

* *
*

41

אַ סוף שוין צום זומער, דער גאָרטן איז ליידיק,
די בלעטער זיי ווערן שוין רויטלעך און געל;
אַרום איז אַ פוסטקייט, נישטאָ קיין פאַרלאַנגען,
דעם שכנס קליין-קעצעלע שפרינגט אויף מיין שוועל...
עס וויגט זיך, עס שפילט זיך אַ שטראַל אויף מיין פענסטער,
ווי עמעץ וואָלט שרייבן מיט גאָלדענער טינט.
עס גלעט מיך די זון, ווי מיט וואַרעמע פינגער,
און שלעפערט מיך איין אַזוי לייכט און געשווינד...

אין חלום. אין שלאָפן: איך שפיר עפּעס ווענען,
עס דריקט זיך, עס טוליעט זיך ווער צו מיר טריי,
עס רעדט מיר ווער טייערע, צערטלעכע ווערטער,
ס'איז פרילינג, עס בליִען אַקאַציעס אין מאַי...

42

איך עפן די אויגן, — איין וואַנט איז אין שאָטן,
די צווייטע באַגאָסן אינגאַנצן אין שיין,
און וואַנדעס קליין-בילדל איז אויכעט אין שטראַלן,
דאָך וואַנדאַ אַליין וועט שוין מער דאָ נישט זיין...
דער האַרבסט איז דער אייביקער קבר פון זומער,
ווי שיין אָבער שטאַרבן די עלנטע טעג!
עס רייצט דער בערבעריס, ווי פּאַטשערקעס רויטע,
און קאַלינעס רויטע באַפּוצן דעם וועג...
עס וואַרעמט די זון נאָך ווען אויס אַ פּאָר בלומען,
וואָס ווערן פאַרפרוירן, פאַרגליווערט באַנאַכט,
עס פליט נאָך אַ שמעטערלינג ווען אין פיל פאַרבן,
און פאַלט אויף אַ צווייגל אַראָפּ באַלד פאַרשמאַכט...

43

און זילבערנע שפּינוועבס, ווייס-זיידענע פעדעם,
באַוועגן זיך לאַנגזאַם אין בלויִלעכן רוים,
ווי מיינע געדאַנקען, די רויִקע, מידע,
וואָס וויגן זיך איין אין דעם רויש פון אַ בוים...
און אויב עס דערוואַכט נאָך אין האַרצן מיין חלום,
גלייך פליט ער געשווינד, ווי אַ פויגל אַרויס.
אין גאָרטן צעטראָגט זיך אַן ערדישער ריח,

דאָס גראָבט מען די לעצטע קאַרטאָפל אַרויס.
די נעכט זענען שוואַרצע מיט גלאַנציקע שטערן,
וואָס פאַלן כסדר פון הימל אויף דר'ערד,
אַזוי, ווי זיי וואָלטן אונדז ראַטעווען וועלן
פון אייביקן חושך, וואָס אונדז איז באַשערט...

44

און איינמאָל דערהער איך אַ שופר פון ווייטן;
עס ציטערט אין פייכטן פרי-מאָרגן די לופט.
איך שפּרינג אַ דערפרייטער אַראָפּ פון געלעגער:
עס קומט די דערלייזונג, מען רופט שוין, מען רופט...
וואָס נענטער צום שטעטל — אַלץ קלענער מיין שמחה...
דער מאַרק איז, ווי שטענדיק, מיט הענדלערקעס פול;
עס שטאַרבט דאָ אין טומל דאָס שאַלן פון שופר,
איך שטיי בײַ דער אַלטער געבויגענער שול...
שוין אלול... דאָך פרעמד איז מיר איצט זייער תפילה.
איך וויל נישט אַריינגיין און קען נישט אַוועק, —
די תפילה פון די, וועלכע גיבן זיך אונטער,
זי ברענגט מיר בלויז טרויער און פיין אָן אַ צוועק...

45

אַך, גאָט! ווען בײַ אונדז וואָלטן זיין ברייטע ימים,
דאַן וואָלט איך אין שטורעם מיין בענקשאַפט דערשטיקט,
אַליין אויף מיין שיפל, אַליין מיט דער פרייהייט;
כ'וואָלט צום ענדלאָזן הימל מיין ברכה געשיקט...
ווען בײַ אונדז וואָלטן זיין הויכע בערג, ווילדע פעלזן,
וואָס שניידן די וואָלקנס אַדורך, ווי אַ שפּיז,

געקלערטערט מיט מוט וואָלט איך דאַן צו דער הויכקייט,
געלעגן וואָלט דאַן מיר דער טאָל צו די פיס...
געציילטע בלויז וואַרפן דעם טאָל מיט זיין טומל
און קלעטערן שטאָלץ אויף די בערג צו דער זון,
געהערט האָב איך ווען פון דעם איינזאַמקייט־יום־טוב —
נישט אַלע פאַרשטייען און טרוימען דערפון...

46

באַ אונדז אָבער פאַליען דאָ זומפּיקע טייכן,
באַ וועלכע מיר חיינען זיך אויס יעדער יאָר,
פון תשליך צו תשליך... פיל טייכן מיט טרערן
עס ווערן פאַרגאָסן באַם עלנטן דור...
די בערג זענען קליינע באַ אונדז און אַלץ פרעמדע,
מיר זענען, ווי קנעכט דאָ פאַרשלאָסן אין טאָל...
דאָך, קאַזמערזש!... אַלט־קאַזמערזש! דיך וועל איך געדענקען
דו האָסט מיך געפרייט און געפייניקט פיל מאָל...
עס שוועבן פאַר מיר דיינע אַלטע רוינען,
די קאָזעס, וואָס דראַפּען זיך שווער אויפן באַרג,
דער קלויסטער, וואָס שטייט אויבן־אָן אויף אַ בערגל,
די גרויסע פיל־קאַנטיקע הייזער אין מאַרק.

47

עס שוועבן פאַר מיר דיינע הענדלער — די ייִדן;
געבויגענע רוקנס, צעפּלאָנטערטע בערד,
די ייִדישע מאַמעס, וואָס וואַשן באַם ווייכסל,
די פנימער דאַר און שוואַרץ־גרוי, ווי די ערד...
די באָרוועסע ייִנגלעך מיט כשרע ציצית,

מיט אויגן פון מזרח... אַך! אויגן פול חן!
עס שוועבן פאַר מיר דיינע כּלות די פרומע,
די חופּהס באַם שול, באַ אַ שטילן געוויין;
דער אַלטער „פּרזשעוואָזניק", ער דאַוונט באַם הייכסל,
און רעדט נישט מיט קיינעם פון שטאָלץ, צי פון כּעס...
זיין אויסזען דערמאַנט מיר דעם כּוהן-הגדול,
זיין עלטער איז שיין, און זיין פּנים איז בלאַס.

48

עס לויפן די פערדלעך גאַנץ פריילעך און לוסטיק,
דער וועג איז מיט שיינע לאַנדשאַפטן דאָ רייך:
פון איין זייט די בערגלעך, ווי טרעפּלעך צום הימל,
פון צווייטן — די פלאַכיקע פעלדער באַם טייך.
אַדיע, מיין באַצויבערטע, אָרימע שטעטל,
איך פאָר אין דער ענגער פאַרויכערטער שטאָט;
דאָרט לעבן פיל גרעסערע הענדלערס, ווי דיינע,
דאָרט האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן אָן גאָט...
דאָרט פיל איך זיך פרעמדער, ווי דאָ אין דער שטילקייט...
עס זעגנט מיט מיר זיך אויף לאַנג די נאַטור,
מיין פורמאַן זעט אויס מיט זיין באָרד, ווי אַ למדן,
און שלאָפט, ווי אַ פויער, און כראָפּעט אין פור...

49

עס גיט זיך מיר איבער זיין שלאָפן... איך דרעמל,
איך וויג זיך אַליין שוין אין וואָגן און טרוים:
עס גייט עפּעס ווער אויפן וועג מיר אַנטקעגן,
עס נעמט אָן אַ מיידל די פערד פאַרן צוים...

געזען האָב איך ערגעץ די גרוי־בלויע אויגן,
די גאָלדענע האָר, וואָס צעפּאַלן אויף איר.
איר שמייכל האָט פיל מאָל מיין טרויער פאַרטריבן;
אָט שטרעקט זי שוין ווידער די אָרעמס צו מיר...
נאָר פּלוצלינג פאַרשווינדט אַלץ — די פור גיט אַ טרייסל,
איך עפן די אויגן און ציטער פון שרעק...
דער פורמאַן איז אויכעט שוין אויף, און מיר זעען —
אַ צ ל ם אַ גרויסער פאַרצוימט אונדז דעם וועג...

50

ער שלאָפט שוין נישט מערער, דער פורמאַן דער אַלטער,
ער לאָזט שוין די פערד נישט אַראָפּ פון שאָסיי.
דער וועג איז פאַרינגלט מיט אוראַלטעביימער,
מיט הונדערטער נעסטן פון קראָען אויף זיי...
עס קראַקען די קראָען, עס קומט אָן דער אָוונט,
אַ האַלבע לבנה באַווייזט זיך אין רוים,
אַ באָרוועסער ייִד מיט אַ זאַק אויף דער פּלייצע
שפּרייזט לאַנגזאַם און חלומט פון רו אין זיין היים.
און מיך זאָל באַגלייטן דער רויִקער שטערן,
דער שטערן, וואָס ווייזט זיך דער ערשטער פאַרנאַכט.
איך הער שוין דאָס פּייפן פון צוג פון דערווייטן —
ווו רופט מיך דער טומל? ווו פירט מיך די נאַכט?

רייזעלע דעם שוחטס

ב

שיין איז רייזעלע דעם שוחטס,
האָט אַ יונגעס האַרץ אָן זאָרגן,
זינגט און פרייט זיך מיטן לעבן,
ווי אַ שוואַלב מיט דעם פרי-מאָרגן,
עס באַקרוינען איר די לאָקן,
פול מיט חן זענען די אויגן,
און אַ שטאָלצע איז זי שטענדיק,
וויל פאַר קיינעם זיך נישט בויגן.
שיין איז רייזעלע דעם שוחטס
עס באַוואונדערן זי אַלע, —
נישט איין מאַמע ווערט זיך ווינטשן,
זי זאָל זיין איר זונס אַ כלה...

נאָר דער שוחט איז אַ פרומער
און דערצו אַ גרויסער כּעסן;
ווען זיין טאָכטער קעמט די לאָקן,
הייבט ער אָן די ליפּן בייסן.
עס פאַרדריסן אים די לידער,
וואָס זי זינגט בעתן קעמען,
עס פאַרדריסט אים איר געלעכטער...
און ער קריגט זיך מיט דער מאַמען,
ווייל די מאַמע האַלט מיט רייזלען:
— דו צעלאָזסט זי עס אינגאַנצן!...
רייזל אָבער ווייסט קיין זאָרג נישט:
זי וויל זינגען, זי וויל טאַנצן.
איז דער שוחט פול מיט מורא,
ווען זיין טאָכטער גייט שפּאַצירן:
ער איז זיכער, אַז דער שׂטן
וועט זי סוף־כּל־סוף פאַרפירן...

2

יעדעס בלימל האָט זיין פרילינג!...
רייזל וואַקסט דערווייל מער אונטער;
ס'גיסן רעגנס, ס'בלאָזן ווינטן, —
זי איז שטענדיק פריי און מונטער.
אָפטמאָל קומט זי צו דער מאַמען
און פאַרטרויט אַ סוד אַ זיסן,
און די מאַמע בעט מיט פּחד:
— זאָל דער טאַטע כאָטש נישט וויסן!
און דער טאַטע ווייסט נאָך גאָרנישט;

נאַר אין קאַזמערזש ווייסן אַלע:
רייזל גייט אַרום מיט מאַטלען
און זי הייסט שוין: „מאַטלס כּלה".

3

מאַטל איז אַ ווילער בחור
און אַ שטיפער נישט קיין קלענער:
אַז ער שווימט ווען אויף דער ווייכסל,
איבעריאָגן קען אים קיינער.
זומער דינגט ער מיט זיין טאַטן
באַ דעם פּריץ גרויסע סעדער,
ווינטער לעבט ער פון מזומן
און מקנא איז אים יעדער...
רייזל קומט צו אים אין גאָרטן,
וו זי העלפט אים זיין אַ שומר:
וויפיל קושן זי באַקומט דאַן,
ווייסן בלויז די שטומע ביימער...

4

און דער שוחט איז פאַרנומען;
רייזל ליגט אים שטאַרק אין זינען,
זוכט ער אַלץ פאַר איר אַ חתן,
און ער האָלט שוין באַם געפינען...
און דער שוחט איז צופרידן;
תקיעת-כּף האָט ער געשלאָסן;
רופט ער רייזלען און דערציילט איר,

אַז ער האָט פאַר איר אַ חתן...
רייזל שווייגט... איר האַרץ האָט דאַמאָלס
זיך צום ערשטן מאָל דערשראָקן,
נאָר זי האָט עס באַלד פאַרגעסן,
און זי קעמט אויפסניי די לאָקן...
פרום און ערלעך איז דער חתן,
און אַ רב איז דער מחותן,
נאָר עס העלפן נישט קיין טענות, —
נישט מיט בייזן, נישט מיט גוטן...
יעדן טאָג די זעלבע פּיינען,
יעדן טאָג די זעלבע ווערטער!
רייזל רופט אָן מאָטלס נאָמען, —
ער וועט בלייבן איר באַשערטער...
נאָר דער שוחט איז אַ פרומער
און דערצו אַ גרויסער כּעסן;
ווען זיין טאָכטער רעדט פון מאָטלען,
הייבט ער אָן די ליפּן בייסן.

5

מאָטל לעבט דערווייל אין גאָרטן,
גייט אַרום דאָרט, ווי אַ שטומער;
עפּעס שרעקן אים די ווינטן
אין די לעצטע טעג פון זומער.
נאָר ווען פּלוצלינג קומט אָן רייזל,
ווערט ער פריילעכער און פרייער; —
וואָס זיי ליידן מערער ביידע,
ליבן זיי זיך אַלץ געטרייער...

זי דערציילט אים פֿון די צרות,
וואָס זי האָט אין שטוב באַם טאַטן,
זי דערציילט אים פֿון די שכנות,
וועלכע הייסן איר און ראַטן:
זי זאָל מאָטלען שוין פֿאַרגעסן,
זי זאָל מאָטלען מער נישט ליבן,
נאָר זי וועט זיי שטענדיק טרייבן,
ווי זי האָט זיי היינט פֿאַרטריבן...

6

אין אַ אלול-נאַכט אַ ווייסע
איז זי שפּעט אַהיים געלאָפֿן, —
זאָל דער טאַטע נישט דערהערן,
ווען זי וועט זיך לייגן שלאָפֿן.
זאָל דער טאַטע נישט דערהערן:
טאָפּלט-גרויס איז היינט זיין צאָרן, —
אין די סליחות-טעג די לעצטע
איז ער בייז אַזוי געוואָרן...
שאַ! די טיר איז שוין געעפֿנט,
איצטער קען זי זיך שוין לייגן;
שעפּטשעט קריאת-שמע און אין שעפּטשען
שוועבט איר מאָטל פֿאַר די אויגן...

7

נישע געשלאָפֿן איז דער שוחט,
ווען זי האָט די פֿאַרשלאָסן,
נאָר געטראַכט האָט ער, געטראַכט אַלץ

פון דעם אָבגעזאָגטן חתן;
פון דעם יחסנדיקן חתן,
וואָס די חציפה האָט פאַרטריבן,
צוליב וועמען? צוליב מאָטלען...
אַזאַ פּראָסטן יונג צו ליבן!...
וויפיל טרויער און בזיונות
דאָס פערשאַפט שוין זיין נשמה!...
און דער שוחט קען נישט שלאָפן
און דער שוחט דורשט נקמה...
„זי וועט ווערן מאָטעלס כלה,
ווען איך וועל שוין מער ניט לעבן;
דאָך דערווייל נאָך בין איך טאַטע
און זי מוז זיך אונטערגעבן”...
ווי אַ פאַרזיכטיקער גנב
איז דער שוחט צוגעגאַנגען
צו איר בעטעל, וווּ די לאָקן
זענען פריי אַראָפּגעהאַנגען.

8

די לבנה האָט באַלויכטן
יעדעס ווינקעלע אין צימער,
עפנט רייזל אויף די אויגן
און באַמערקט עפּעס אַ שימער...

. . . .

אַ געשריי האָט זי געגעבן
און איז ווידער שטיל געוואָרן,

אירע לאַנגע שיינע לאָקן
האָט דער טאַטע אָפּגעשוירן...

9

וואָס געטראַכט די נאַכט האָט רייזל,
איז פאַר אַלעמען פאַרבאָרגן,
נאָר דאָס שטעטל האָט געטומלט
און געטרויערט פון פרימאָרגן:
וווּ איז רייזל?.. אויף איר בעטל
ליגן בלויז די שיינע לאָקן...
וווּ איז רייזל?... איר פאַרשווינדן
האָט איצט אַלעמען דערשראָקן...
בײַ דער ווייכסל האָבן פישער
זי באַגעגנט גאָר באַגינען;
נאָר מען זוכט זי און מען רופט זי
און מען קען זי גישט געפינען.

10

רויִק גיסן זיך די וועלן
פון דעם ווייכסל פון דעם קאַלטן;
און זיי ווילן נישט דערציילן,
וווּ האָט רייזל זיך באַהאַלטן.
רייזל וווּנדערט זיך אין וואַסער,
וואָס דער עולם איז דערשראָקן,
זי וועט קומען... אָבער פריִער
מוזן אָפּוואַקסן די לאָקן...

11

אין די בלייכלעכע פאַרטאָגן,
ווען דער ברעג איז שטום פאַרלאָזן,
שווימט צו רייזל צו די זומפן
און זי רייסט אָן לאַנגע גראָזן;
פון די גראָזן פלעכט זי וועגטלעך,
און אַ פּאַלאַץ וועט זי מאַכן, —
וועט ער שענער זיין פון פּריצס,
ווו מען הערט אַלץ זינגען, לאַכן...
זי וועט אָנקלויבן אין וואַסער
שיינע מושלעס, קליינע שטיינדלעך,
און אין צייכנס וועט זי שפּילן,
ווי אין שטוב אַמאָל מיט ביינדלעך...

12

פיל געשווינדער, ווי די כוואַליעס,
לויפן טעג אַוועק און וואָכן, —
שוין אַ סוף צום ווייסן ווינטער,
ס'האָט דאָס אייז זיך שוין געבראָכן...
פייגלעך בויען נייע נעסטן,
וואַלד און פעלד איז ווידער אָפן...
רייזל חלומט שיינע טרוימען,
און פאַרברענגט די טעג אין שלאָפן.
דאָך באַנאַכט, ווען יעדער בערגל,
ווערט מיט לבנה־זייד באַצויגן,
שווימט זי דאַן אַרויס פון וואַסער

און זי עפנט אויף די אויגן...
און זי ווערט אַזוי פאַרוווּנדערט,
וואָס די וועלט איז אַזאַ שטילע:
עס באַוועגט זיך נישט קיין פאַליע
און קיין גרעזעלע אַפילו;
פון די הימלען פליִען שטערן,
ווי שלוחים אומבאַוווּסטע,
שטעלט אָן רייזל ביידע הויפנס,
נאָר די הויפנס בלייבן פוסטע...

13

און דאָרט ווייטער, ווייט פון קאַזמערזש,
הייבט אין מזרח אָן צו טאָגן;
רייזל זעט די ערשטע שטראַלן
און זי ווערט דאַן שטאַרק פאַרטראָגן.
צי עס וואַקסן שוין די לאָקן,
נעמט זי טאַפּן מיט די פינגער;
און איר דאַכט זיך, אַז זיי וואַקסן,
ווערט איר דאַמאָלס פיל גרינגער...
זי וועט וואַרטן... זי וועט שווייגן —
זי וועט איינשטילן דאָס בענקען;
זאָל די מאַמע נאָר געזונט זיין,
זאָל זי מאָטל נאָר געדענקען...

פערד-מארק

אין זוואָלין איז היינט אַ פערד-מאַרק.

אָנגעפאָרן זענען פּריצים מיט פיל כלאָפּעס פון אַרום.
פון זאַגלאָבי, וואָנוואָלניצע
און פון קאַזמערזש, באָכאָטניצע,
נאָנט פון פּולאַוו, פון אָפּאָליע,
און פון זאַמאָשץ, קאָנסקע-וואָליע,
פון גאַרבאַטקע,
פון מאַקראַקטע..
אָנגעפאָרן זענען פּריצים מיט פיל כלאָפּעס פון אַרום.
מענטש און פערד פון אומעטום.

פֿון זאַמאָיסקיס רייכע סטאַינעס —
פֿערד ווי אָדלער... די ציגיינערס
רופֿן איינעם און דעם צווייטן;
„קויפֿט דעם שוואַרצן, קויפֿט דעם רויטן!
אויסגעשפּאַנטע,
איינגעשפּאַנטע,
ס'לויפֿן פֿערד פֿון אַלע זייטן,
ס'הייבט דער שטויב זיך פֿון דעם רייטן.
אַלע האָפּקען, אַלע שרייען
און פֿון פּייפֿן, הירזשערייען,
פֿון דעם קלאַפּן אין די הענט
טרייסלען זיך אין קלויז די ווענט.

אין די ברונעמס וועט נישט סטייען
הײַנט קיין וואַסער פֿאַר די פֿערד,
אין די שענקען וועט נישט סטייען
הײַנט קיין בראָנפֿן... קוקט און הערט!
„אָט דעם אָדלער, אָט דעם שוואַרצן"
קלאַפּט אַ ייִדל זיך האַרצן
מיט אַ הייזעריקן קול.
„אָט דעם אָדלער ברענגט אַ פּריץ
פֿון דעם רוסישן אַריאָל".

און דאָס פֿערד
קלאַפּט די ערד
מיט אַזעלכע ווילדע קלעפּ,
שוימט מיט מילך

און הירזשעט, הירזשעט ווי אין סטעפּ.
צוגעפֿאָרן איז אַ שליאַכטיטש —
מיט אַ פֿעדער אין זיין הוט,
אויף אַ פֿערדל אַן אַראַבער,
יאָ, אַראַבער עכטעס בלוט.
פֿאַרן פֿערד, צי פֿאַרן שליאַכטיטש —
ס'האָבן כלאָפּעס זיך דערשראָקן
און מען נעמט אַראָפּ דאָס היטל,
פֿאַרן פֿערד, צי פֿאַרן שליאַכטיטש...

דין די פֿיס, ווי יונגע סאָסנעס,
שטאַרק ווי שטאָל, ברוין ווי שטאָל,
און עס וויל דער ייִד שוין בייטן
אויף זיין אָדלער פֿון אָריאָל.
נאָר דער שליאַכטיטש גיט אַ שמייכל
מיט צופֿרידנהייט און שפּאָט,
גיט אַ יאָג זיך, גיט אַ טראָג זיך
און צעטרייבט דאָס גאַנצע ראָד.

פּריצים קומען און באַקוקן,
ווילן קויפֿן און פֿאַרקויפֿן,
יונגע פֿערדלעך טאַנצן, שטיפֿן,
זייגן־אָן זיך און אַנטלויפֿן.

אויסגעשפּרייט מיט קאָנעטשינע
איז דער גאַנצער מאַרק.
באַ אַ וואָגן שטייט אַ קליאַטשע

איינגעהויקערט שטאַרק.
און דער פויער, אַ פאַרשעמטער,
רירט זיך נישט פון אָרט:
„וויפיל ווילסטו פאַר דעם פגר?"
וואַרפט אים ווער אַ וואָרט.
צעפּ מיט סטענגעס איינגעפלאָכטן,
ווײדלען ברייטע און פאַרשוירן.
אין די ווייסע ציינער קוקט מען
און מען ציילט געגוי די יאָרן.

פלוצלינג לויפט צונויף אַן עולם —
אַלע קוקן, וואָס דאָ איז?
ס'וויל אַ פערד נישט לאָזן רייטן,
שפּרינגט און שטעלט זיך אויף צוויי פיס.
מורז, דער העלדישער ציגיינער,
שפּייט אין הויפן; דו ביסט מיינער!
גיט אַ שפּרונג און פאַלט אַראָפּ,
און אַ כלאָפּ צעקלאַפּט דעם קאָפּ.
פלוצלינג, זעט, דעם בעל-עגלה!
ס'עט נאָר, זלמנס זון פון קאַזמערזש.
אַלע ווייסן אין אָפּאָליע
און אין גאַנצן קאָנסקע-וואָליע,
אַז דאָס איז אַ גרויסער בריה —
פינף יאָר דינסט אין קאַוואַלעריע.
גייט ער צו און מיט די פינגער
גיט ער אַזאַ פיינעם קנאַק.
נאָר די כלאָפּעס, די ציגיינער

לאָכן־אויס דעם זלמניאַק.
קיינער האָט נאָך נישט באַוויזן
אונדזער בחור אָנצוקוקן
און ער זיצט שוין, ווי אַ פּריץ,
אויף דעם פערדס באַזיגטן רוקן.

„היידאַ! היידאַ!"
די ציגיינער נעמען שרייען
„היידאַ! היידאַ!"
און די כלאָפּעס שפּרינגען־אָפּ.
ווער עס האָט געבענטשטע אויגן,
קוקט זיך איין — סאַר אַ גאַלאָפּ!
קוקט זיך איין — סאַר אַ גאַלאָפּ!

דורך די פעלדער לויפן פורלעך
און פאַרשטויבן אַלע וועגן,
און די זון, אין שטויב פאַרשלייערט,
קומט אַ רויטע זיי אַנטקעגן.
פערד פון פאָרנט, פערד פון הינטן,
צוגעבונדן,
אָפּגעבונדן,
און פון נאָענט און פון ווייטן
ווער צופוס און ווער אין רייטן —
פערד און מענטש פון אַלע זייטן.

און מען רעכנט אין זכרון,
ווער פאַרדינט און ווער פאַרלאָרן?

אויף די פורלעך צווישן כלאָפּעס
זיצט אַ שווייגנדיקער ייִדל ;
שוין געענדיקט, שוין געענדיקט,
שוין געעדיקט דאָס ייִדל...

1919

„נא שוויענטעגא יאנא"

א

ס׳איז נישט אונדזער יום־טוב, ס׳איז נישט אונדזער פרייד
און איך קוק מיט טרויער, ווי דער טאָג פאַרגייט.
אין קאָלירטע קרעלן —
מיידלעך אויף די שוועלן
און די קאַרוסעלן
גייען אין אַ ראָד,
אין אַ קאַראַהאָד.
בענדער, סטענגעס פאַלן,
אַלע פאַרבן שטראַלן —
ס׳איז נישט אונדזער יום־טוב און איך בין מקנא —
נאַ שווענטעגאָ יאַנאַ, נאַ שווענטעגאָ יאַנאַ!"

ב

קינדער קויפן צאַצקעס אין אַ ייִדיש קרעמל
און איך גיי און שטויס זיך אין אַ פרעמד געזעמל:
טראָג זיך, טרויער מײַנער!
ייִדן און ציגײַנער,
זאַסיעס און די יאַנקעס
אין די קראַקאָוויאַנקעס.
און אַן אַלטער פויער,
ווי אַ גאָט אַ גרויער,
שפּילט זיך אויף זײַן גענשלע, מורמלענדיק: אָי־דאַנאַ —
נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ, נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ!

ג

פֿײַפֿעלעך, טרומייטן בלאָזן אַלע טענער,
קליינע שקצים קרייען ווי די יונגע הענער.
וואַצעק מיט אַ פערדל,
וויצעק מיט אַ שווערטל,
וואָיטעק מיט אַ ביקסל
צילט זיך אין אַ שיקסל,
צילט זיך מיט פּיסטאָנעס,
נאָר ער קריגט רחמנות...
און איך גיי, באַטראַכט אַלץ מיט מײַן „מה־נשתּנה" —
נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ, נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ!

ד

פּורלעך לויפן האַסטיק צום שאָסיי פון שטעטל,
אויפן הימל לויכט שוין אַ באַגולדטער שרעטל.
ערגעץ-וווּ אַ פידל,
ערגעץ-וווּ אַ לידל,
ערגעץ-וווּ אַ טאַנצן
מיטן ברען איינגאַנצן.
אַזאַ שטיל דערפרייטער,
גיי איך אָן באַגלייטער,
שפּרייז איך און איך מורמל שוין אַליין: „אַי-דאַנאַ:"
נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ, נאַ שוויענטעג אַיאַנאַ!

ה

ווי עס ווערט נאָר פינסטער, ווייזט זיך באַלד אַ פייער;
צי דאָס ברענט דער פּאַלאַץ, צי דער אַלטער שייער?
אַך, דאָס האָבן כלאָפּעס
אָנגעצונדן סנאָפּעס
און גענומען זינגען
און גענומען שפּרינגען...
איך מיט זיי אינמיטן —
איינע האָט פאַרביטן.
איינע, איינע רופט מיך: „דראָגי מאָי קאָכאַני" —
נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ, נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ.

ו

ווי און וואָס איך ווייס נישט, ווי דאָס איז געקומען,
אומעטום די שנאה און איר בייזן ברומען —
גאָר די נאַכט ווייזט וואונדער
און מיט איר באַזונדער.
ווייטער, ווייטער, ווייטער
פון דעם רויטן שייטער.
וווּ איך גיי, מיט וועמען?
וועמען דאַרף עס קלעמען?
לילית איז נישט ביין היינט, פרום איז נישט שושנה —
נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ, נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ!

ז

אויף אַ פרעמדן יום־טוב, אין די פרעמדע זאַנגען,
מיט אַ פרעמדן מיידל איז די נאַכט פאַרגאַנגען.
איך האָב זי גענומען,
זי איז שטיל געקומען
פון דעם ווילדן פייער,
ווי אַ נס אַ נייער.
וואַלד און גראָז און בלימל,
נאַכט אין טיפן הימל,
גאָט, מלאכים, שטערן! טאַנצט מיט מיר הושענה —
נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ, נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ.

דער שטומער פּאסטוך

אויפֿן באַרג בײַ די רויִנען
פֿון דעם לאַנג־צעשטערטן פּאַלאַץ,
וווּ עס וואַלגערן זיך עלנט
שטיקלעך פֿרעסקעס מיט מאָזאַיִק,
אײַנגעטוליעט טיף אין גראָזן,
צווישן נידעריקע ביימלעך,
וועלכע דעקן איין די חורבֿות,
פֿיטערט רויִק זיך אַ סטאַדע.

כ׳ליג באַהאַלטן אין אַ ווינקל,
איינגעדעקט אין קילע שאָטנס;
הוידעט רויִק זיך אַ צווייגל,
שוועבט פאַרביי אַ פריינטלעך חינטל,
שרייט דער קוקו פון דעם וועלדל...
שרייט און ציילט דער וועלט די יאָרן...
און די קלאַנגען פון דער שטילקייט
זענען נאָנט מיר ווי די שטילקייט.

שוואַרצע קראָען, שוואַרצע ראָבן
מיט די ווערעם אין די שנאָבלען
פליִען נידעריק און לאַנגזאַם
איבער מיר גלייך צו די נעסטן...
און די נעסטן זענען נאָנט גאָר:
אין די שפּאַלטן, אין די לעכער
פון דעם לאַנג־צעשטערטן פּאַלאַץ,
וווּ איך ליג אין די רויִנען.

מיד פאַרשליסן זיך די ברעמען,
גאָר איך זע די גאַנצע געגנט,
ווען איך האַלט פאַרמאַכט די אויגן;
טייך און לאָנקע, טייך און הימל
און די גרויסע מילן־פליגן
וויגן רויִק זיך, געלאַסן...
גלייך עס וואָלט די ערד געאָטעמט
אונטער מיר דאָרט, באַרג־צופוסן.

גאַנצע טריט דערהער איך פּלוצלינג,
צווייגלעך ברעכן זיך און קרעכצן;
ס׳איז די סטאַדע צוגעקומען
זוכן גרינס אויף מיין געלעגער
און דער שטומער פּאַסטוך ראַמאַן
שטייט און קוקט אויף מיר פאַרוווּנדערט,
וואָס-זשע טו איך דאָ טאָג-טעגלעך
צווישן איינזאַמע רויִנען?

קליידער-שמאַטעס, אָן אַ היטל,
און דאָס פּנים — ווילד פאַרוואַקסן,
שטייט און גלאָצט אויף מיר די אויגן,
ווייזט מיר צייכנס מיט די פינגער;
ויל וואָס זאָגן, וואָס דערציילן.
— „ראַמאַן, ראַמאַן!“ אַלע קינדער,
אַלע וויסן גוט זיין נאָמען...
אויף די בערג און טיף אין שטעטל.

אָנהייב אָוונט טרייבט ער לאַנגזאַם
פון די בערג אַראָפּ די סטאַדע,
און ווי נאָר די קינדער זעען,
אַז עס גייט דער שטומער פּאַסטוך,
ווערט אַ שמחה, אַ גערודער
און מען פּליקט אים און מען ציט אים
און מיט בייזן און מיט גוטן:
ראַמאַן נעמט שוין ווייזן קונצן

ראַמאַן מעקעט ווי אַ בהמה,
שלינגט איין גאַנצע הויפנס טאַבאַק,
טאַנצט אין שמאַטעס, טאַנצט אין שמאַטעס. . .
נאָר די אויגן בלייבן שטומע,
ווי זיין צונג איז איינגעשלאָסן.
גיט ער דאָך אַמאָל אַ מעקע,
גיט אַ ברום ווילד, ווי אַ חיה
און אַנטלויפט צו זייגע בהמות.

אָבער דאָ, באַ די רויִנען,
זעט ער שטאָלצער אויס און ווילדער,
ווי ער וואָלט דאָ זיין דער הערשער
פון דעם לאַנג-צעשטערטן פּאַלאַץ.
קוקט אויף יעדערן פאַרוואונדערט,
קוקט אויף יעדערן פאַרדעכטיק,
ווער עס קומט צו די רויִנען,
העלכע שווייגן, ווי דער שטומער.

טרעפט אַמאָל ער האָט קיין אָרט נישט,
וו צו נעכטיקן און רוען,
קריכט ער דאַמאָלס, ווי אַ שאָטן
איבער טויטן-גאַס פון שטעטל
און ער שרעקט פאַרליבטע פאָרלעך,
שרעקט די שטילקייט און די גראָזן,
און דאָס וואַסער לויפט נאָך גיכער,
ווען דער שטומער שפּרייזט אַ בייזער.

אַלע הייזער צוגעשלאָסן.
גייט ער ווידער באַרג־אַרויף שוין
צו די אוראַלטע רויִנען
און, ווי אַ פעלז צווישן פעלזן,
ליגט דער שטומער און ער שלאָפט נישט,
און די אויגן זיינע פינטלען
אויף דער ערד אַנטקעגן הימל,
ווי פאַרלוירענע צוויי שטערן.

קוקט דער שטומער אויף די שטערן
און די שטערן אויף דעם שטומען —
אַ געהיימניש ווייסןביידע:
אי די ערד און אי דער הימל,
און דאָס ווינטל טראָגט די שטויבלעך
פון צעקלאַפּטן שטיין און ציגל.
שטילקייט שטאַרבט אַוועק אין שטילקייט,
נאַכט אַליין אין נאַכט באַגראָבט זיך.

1913

מירקעס ליבֿע

I

שוואַרצע אויגן האָבן פייער —
דיינע זענען שוואַרץ,
האָסט געוואָרפן הייסע פונקען
אין מיין מיידלש האַרץ.
רופסט מיך יהודית, רופסט שולמית,
זוכסט מיך אומעטום —
איך האָב ליב אַ דרייסטן בחור,
ביסטו דרייסט, דאַן קום!
נאָר דעם דרייסטן וועל איך רייצן
שפּילן מיט זיין גליק;
כ׳וועל דיך פּייניקן מיט ליבע,
זיי אַ העלד — באַזיג!
דיינע בלומען און מתנות
האָב איך היינט צעטיילט,

דיינע ווילדע שטיפערייען
אַלעמען דערציילט;
איצטער וועלן אַלע מיידלעך
אָפּלאַכן פון דיר,
איצטער וועסטו לאַנגע שעהן
וואַרטן בײַ מיין טיר...
נאָר דו זעסט נישט; דורכן פענסטער
לויפט דיר נאָך מיין בליק;
ביסט מיר ליב נאָך, ביזט מיר טייער,
כאָטש איך קוועל פון זיג.
ביסט אַוועק... נאָר נישט געפונען
האָב איך מער מיין רו;
ס׳קומען אַנדערע. נאָר קיינער
ליבט מיך נישט, ווי דו.
קען דאָס זיין דען, אַז מיין חלום
האָט מיך אָפּגענאַרט?
קען דאָס זיין, דו זאָלסט נישט קומען!
וויפיל טעג איך וואַרט...
מיט די פאַרבן פון מיין אומעט
מאָל איך אויס דיין בילד,
נאָר די אויגן, דיינע אויגן
ברענען אַזוי ווילד...
וועסט נאָך קומען, וועסט נאָך פילן,
ווי עס בענקט מיין האַרץ;
שוואַרצע אויגן האָבן פייער —
דיינע זענען שוואַרץ...
כ׳האָב געוואָלט מיט דיר זיך רייצן,
נאָר איך בלייב דיר טריי;

כ'האָב פאַר ליבע דיך פאַרטריבן,
נאָר איך רוף אויף ס'ניי:
שוואַרצער בחור, שוואַרצער חתן,
קום צוריק צו מיר,
מיינע שיינע יום־טוב־קליידער
טראָג איך צוליב דיר.
מיין געלעגער איז אַ ווייסער
און מיין בליק פאַרנאַרט,
כ'האָב אַ וויין, וואָס מאַכט באַלד שיכּור,
קום... איך וואַרט, איך וואַרט...
מיך געבוירן האָט אַ מאַמע,
וואָס איז שטיל און פרום,
וועל איך זינגען פאַר אונדז ביידע...
קום שוין, חתן, קום!...
אַך! די מאַמע ברענגט מיר פּערל,
קלויבט פאַר מיר נדן...
פּערל שוואַרץ, ווי דיינע אויגן
זעגען נישט פאַרהאַן!

וו

כ'האָב געזוכט דיך און געליטן —
איצטער ביסטו דאָ;
זאָל די שעה פון דער באַגעגניש
זיין די בעסטע שעה.
ס'איז אַוועק אַ נאַכט אין פייער,
איצט בין איך אַליין;
כ'האָב פאַרטאָג די טיר געעפנט

און געלאָזט דיך גײן.
ביסט באַנאַכט צו מיר געקומען,
ווי אַ שטורם-ווינט,
און אַוועק ביסטו באַגינען,
ווי אַ שטילעס קינד...
כ׳האָב נאָך לאַנג געפילט דײַן אָטעם,
לאַנג פון דיר געטראַכט,
ס׳האָט אַ ייִדישער ציגײַנער
הײַנט בײַ מיר פאַרבראַכט.
וואַנדער ווײַטער שטאָלץ און מונטער,
יונג ביסטו און שײן...
אויב דו ליבסט אָבער ווי מירקע,
קום דאָ אָפט צו גײן.
קום צו מירקען, ברענג איר פײַער,
נעם איר טרײַעס האַרץ...
שוואַרצע אויגן ברענען, גליִען —
דײַנע זענען שוואַרץ...

רעגינע

דר. ד. גאמבערגן

מיין באשיידענע מתנה

ז. ס.

א.

עס גיסט זיך ליכט בא אונדז אין גארטן,
עס רוישט אין אונדזער פענסיאנאט ;
מען שפילט אין גריבס, מען שפילט אין קארטן.
מען עסט, מען טרינקט, מען שלאפט צו זאט.
מען וועגט דעם גוף, מען ציילט די פֿונטן,
מען דרימלט רויק אין האמאק,
מען פילט די ערד די פעסטע אונטן,
מען גענעצט ברייטלעך מיט געשמאק.
איך פיר זיך אויכעט באלעבאטיש,
איך לעב זיך אויך מיט זייער פלאן,
און אין באנטאן בין איך פאנאטיש,
ווי דער גרעסטער אדעלמאן.

איך קוש די הענט בײַ שווערע פּאַניס
און היט דעם טאַקט ווי אַ סאָלדאַט,
איך קאָקעטיר מיט אַלע אַניעס,
מיט די פּאַניעס, מיט די פּראַניעס
פֿון דעם ליבן פּענסיאָנאַט.

ב.

איך לעב זיך פֿריילעך און געלאַסן,
עס ווייסט קיין ספּק מײַן געדאַנק.
נאָר האַרץ! דיר ווילט זיך ביסער שפּאַסן
און חוזקן פֿון מײַן פֿאַרלאַנג.
די דומהייט ברענגט אַזוי פֿיל ליבע,
נאָר עפּעס פֿעלט מיר דאָך דערבײַ,
און וויפֿיל טרויער איך אָן סיבה,
און וויפֿיל פּײַניקט מיך דער מאַי.
דאָך טראַכטן לאָזט מען דאָ נישט קיינעם,
פֿאַרלעש געשווינד דעם ספּק־שטראַל
און אײַל צוריק צו דײַנע שכנים,
צום קאָרטן־טיש, צום „ניינטן וואַל".
איך שפּיל, איך שפּיל מיט פֿיל בטחון,
איך שפּיל מיט גליק און איך געווין,
נאָר איך פֿאַרשפּיל די שיינע וואָכן,
די צײַט פֿון בעז און פֿון זשאַסמין.

ג.

דערווײַל פֿאַרגייט אַ האַלבער זומער —
איך שפּאַס מיט אַלעמען און שטיף,
נאָר פֿאַר מײַן האַרץ בין איך אַ שטומער,

עס וואַקסט מיין שטראָף אין האַרצן טיף.
איך לויף פון זיך, איך בין זיך שולדיק
אַ גרויסן חוב און צאָל נישט אָפּ.
עס שווייגט מיין האַרץ, עס שווייגט געדולדיק
און שיכּור בלייבט מיין יונגער קאָפּ.
איך פלעג מיין האַרצס פּראָטעסטן לעזן
אין שפּיגל, אין מיין שטומען בליק,
ווייל ביליק איז דער ווײַן געוועזן
און נישטיק-וואָכעדיק מיין גליק.
און איינמאָל בייז און איבערזעטיקט
האָב איך געזוכט אַ ציל, אַ ראַט...
דאָס מיטאָג האָט זיך שטאַרק פאַרשפּעטיקט
אין אונדזער פיינעם פּענסיאָנאַט.

ד.

מען וואַרט אַ נייעם גאַסט... און לײדער
בלייבט אויסן אונדזער פּרעפעראַנס.
דער עולם בייזערט זיך כּסדר.
נאָר, שאַ! עט פאָרט דער דיליזשאַנס.
מיר לויפן נייגיריק אַנטקעגן,
מיר קומען נייגיריק צוריק,
ווער איז זי, ווער? מיר ווילן פרעגן:
אַ שטאָלצער טריט, אַ קאַלטער בליק.
בעקומען איז אַ פרוי, אַ שלאַנקע,
אַ יונגע פרוי... מיט איינער מער.
נאָר נאַרט נישט, נאַרט מיך נישט, געדאַנקען!

די ברענגט מיר פיין און פרייד, איך שער!
דאָס גלעקל קלינגט און רופט צום עסן,
דער עולם לויפט צום טיש און לאַכט;
איך בין דאַן אומרויק געזעסן
און אַנדערש אַלעמען באַטראַכט.

ה.

זי פלעגט זיך גלייכגילטיק באַווייזן
צו אונדזער טומלדיקן טיש.
זי פלעגט אין גאָרטן רויק שפּרייזן
און קאַלט געבליבן, ווי אַ פיש.
יאָ, קאַלט צו אַלעמען אין גאָרטן,
צו אַלע פרייד פון פענסיאָנאַט!
צום פלירט, צו פאַנדן, צו די קאָרטן...
מען האָט צו רעדן איצט געהאַט.
מען האָט געזוכט און באַלד געפונען
חסרונות פיל אין אונדזער גאַסט,
מען האָט רכילות פיל געשפונען,
געטרומט אויף איר, געלאַכט, געשפּאַסט
און דורך-ארצדיק געהאַסט.
אַ ווייסער שאַל פלעגט לייכט פאַרדעקן
איר קאָפּ, די ברוינע וואָלקנס האָר.
אַ בוך אין האַנט, אַ דאַטשע-שטעקן,
זי גייט אין פעלד אַוועק אין גאָר.

ו.

און מיר איז אויך געוואָרן ליבער
דאָס פעלד, דער וועג איז מיר באַקאַנט,

עס זענען טעג און נעכט אַריבער —
איך האָב געדריקט איר שטאָלצע האַנט.
אַ קליינע האַנט מיט שאַרפע נעגל,
זי האָט זיי לאַנג, ווייזט אויס, געטאָקט.
איר ווייסער שאַל האָט ווי אַ זעגל
געריסן זיך, פון ווינט געיאָגט.
דער שאַל איז פריי אַרומגעפלויגן,
האָט אָפּגעדעקט איר ברוינעם קאָפּ,
האָט צוגעדעקט די טונקלע אויגן,
און פליט און שוועבט און פאַלט אַראָפּ.
באַלד פאַלט ער גאָר אַראָפּ אויף ביידן
און שלייער'ט אונדז פאַרכישופט איין.
עס לאַכט זיך דאַן באַם ערשטן ריידן
אין לעצטן שטראַל פון אָוונט-שיין.

ז.

זי האָט מיט בלומען זיך באַהאָנגען
און מיד געשפרייזט מיט מיר אַהיים;
די זון איז אומעטיק פאַרגאַנגען
און שטום געקושט דעם ווייטסטן בוים.
זי האָט גערעדט, געשפּאַסט אפילו
און נאָכגעקוקט דערביי דער זון...
אַך, ביידע מורמלען מיר איין תפילה
און ביידע שוויגן מיר דערפון.
דערנאָך באַגעגנט מען אונדז היימלעך
צום אָוונט-ברויט אין פענסיאָנאַט...

מען קוקט אויף אונדז, מען ווינקט געהיימלעך
ביז מיך פאַרצאָרנט דער פּאַראַד.
און זי איז קאַלט און שטאָלץ אין שווייגן,
אָן וואָרט פאַריאָגט זי יענעמס שפּאַס,
זי האָט געקענט אַריבערשטייגן
דעם הייסן פלאַם פון קירצן כעס.

ח.

און יענע נאַכט האָט זיך געצויגן
פאַר מיר אָן שלאָף... אין קאָרטן-שפּיל.
עס לויפן אָן די טונקלע אויגן
און איך פאַרקלער זיך... און פאַרשפּיל
און דאַמע רייץ און מלך אייכל,
און ניינטל פּיק און בובנע טויז.
איך האָב געשפּילט און האָב געשמייכלט
און גיך דערזען: די נאַכט גייט אויס.
איך כאַפּ דעם אָטעם פון פרימאָרגן,
דערפילנדיק דעם פרישן טוי.
די זון האָט נאָנט זיך דאָ פאַרבאָרגן,
דער קאָפּ פון וואַלד ווערט ראָז און בלוי.
דער קאָפּ פון וואַלד ווערט רויט אינגאַנצן,
די גאַנצע וועלט איז פורפור-רויט,
און פייגלעך קושן זיך און טאַנצן,
אַ נייער טאָג, אַ נייע פרייד.

ט.

די קאַרשן-צייט... די שיינע וואָכן,
איך קריך אויףביימער און דערגרייך

איך האָב די צווייגעלעך געבראָכן,
און קאַרשן פּליִען פֿון דער הייך.
זי פּלעגט זיי זוכן און געפֿינען,
זי פּלעגט זיי כאַפּן אין די הענט,
די רויטע בלוטיקע רובינען;
זי האָט געלאַכט דערבײַ, געברענט.
נאָר דאַן, ווען פֿרעמדע פֿלעגן קומען,
דאַן ווערט זי פּלוצלינג אַנדערש באַלד;
זי פּלעגט זיי אָנקוקן און שטומען
און זעלטן ווען גריסן קאַלט.
עס גיבן פֿייגלעך פֿול מיט וווּנדער
אין פֿעדער-פֿאַרב און אין געזאַנג,
נאָר זינגען ליבן זיי באַזונדער,
און זי האָט אויך אַזאַ פֿאַרלאַנג.

י.

זי האָט געוואָלט מיט שטאָלץ פֿאַרצוימען
איר וועלט און וועזן שיבן דרייסט:
באַזונדער טרויערן און טרוימען,
באַזונדער שענערן דעם גייסט.
עס דוכט, זי ווייסט דעם סוד פֿון לעבן,
זי ווייסט, אַז אַלץ איז שלעכט און פֿלאַך,
אַז מענטשן קענען ווייניק געבן,
נאָר נעמען קענען זיי אַ סך.
מיר פֿלעגן רעדן, דיספּוטירן
און אָפּטמאָל שווייגן זייער לאַנג.

זי פלעגט איר חנשאַפט נישט פאַרלירן
פון קלוגן, רייפיקן געדאַנק.
זי האָט פאַר מיר פיל ווידערשפרוכן
האַרמאָניש-שיין געמאַכט, באַצירט.
זי פלעגט אין ביכער פערל זוכן
און מיט די פערל קאָקעטירט.

יא.

מיר פלעגן זיין באַ אַלע סטאַוון,
באַ אַלע טייכן פון דעם קאַנט...
איך גלייב, אַז אדם מיט זיין חוהן
האָט אויך אַזוי געשפרייזט באַנאַנד.
און אַלץ מיט נייגיריקע אויגן
באַטראַכט, באַוואונדערט און באַגערט:
צו יעדן גרעזל זיך געצויגן,
צו יעדן קלאַנג זיך צוגעהערט,
אין וואַלד אויף וועגן שמאָלע, ענגע,
אין פעלד, און אויפן ברייטן טאָל.
זי פלעגט זיך פרייען אָפט די שטרענגע,
נאָר שווייגן פלעגט זי אויך פיל מאָל.
מיין קליינער, ליכטיקער גן-עדן
גייט אויגנבליק פון מיר אַוועק.
ווען זי פלעגט אויפהערן צו ריידן,
פלעגט דאַן זיך אָנהייבן מיין שרעק.

יב.

איך קען זיך אַלץ נישט איבערצייגן,
איך ווייס ביז היינט נאָך נישט געוויס —

װאָס איז געװען דאָס פּאָר אַ שװײַגן?
װאָס איז געװען דאָס פּאָר אַ פּרוי?
זי האָט דאָך װײניק װאָס פאַרבאָרגן.
פלעגט פיל פאַרטרויען פאַר מיר דאָ.
איך האָב געװוסט פון אירע זאָרגן,
געװוסט איר פליכט צו היים און מאַן.
נאָר גישט דערפאַר פלעגט זי פאַרשליסן
די דינע ליפּן, נישט דערפאַר;
זי פלעגט אַליין קען זײַן נישט װיסן
דעם סוד פון שװײַגעניש און צער.
געבענטשט זאָל זײַן דער טיפער הימל,
װאָס פלעגט מיר לינדערן מײַן לײַד,
געבענטשט זאָל זײַן דאָס ערשטע בלימל,
װאָס רופט אַרויס צוריק איר פרייד.

יג.

עס בליצט מיט בלויקײַט אין זכּרון,
װען איך דערמאָן זיך יענע טעג.
די בלויע אײַגלעך פון די קאָרן
באַגלייטן אונדז דעם גאַנצן װעג.
אויף בערגלעך הויך, אין טיפע טאָלן,
מיר שפּרײַזן װײַט, מיר זענען פרײַ.
ס'פלעגט יעדן טאָג זיך װידערהאָלן
און יעדן טאָג געבליבן נײַ.
װאָס האָט זי נאָך מיר צו דערצײלן?
מיט פאַרגעניגן הער איך אויס

די מעשהלעך פון אַלטן פוילן
אוי מעשיות פון איר טאַטנס הויז.
און מיט אַ קינדישער הנאה
דערציילט זי מיר, דערציילט מיט גליק
פון אירס אַ באָבעשי אַגרויע,
וואָס ליבט שטאַרק פערל און מוזיק.

יד.

די אַלטע איז אַ שטאָלצע פאַני,
באַקרוינט מיט שיינע זילבער-האָר.
זי ווייסט אַ סך פון דער „פאָווסטאַניע"
און ליבט צו רעדן פון דעם דור.
און קומט דער טאָג פון גרויסן תענית,
דאַן פירט מען זי אונטערן האַנט
צום שול. . . און גאָט, ער האָט רחמנות,
זי בלייבט באַם מוט און באַם פאַרשטאַנד.
אין אירע טייערסטע מינוטן
האָט זי די באָבען טריי דערמאָנט,
און כאַפנדיק אַ בליק אַ גוטן,
האָב איך געטראַכט: זי ווערט מיר נאָנט.
עס שוועבן קליינע שמעטערלינגען,
ווען די ערינערונג דערוואַכט,
עס שוועבט דער וואַלד און פייגלעך זינגען
און מיין נשמה זינגט און לאַכט.

טו.

עס האָט די זון פאַריאָגט דעם שאָטן
און אונדז געברענט ביז אָוונט-צייט.

עס האָט דאָס פעלד זיך אָפּגעשאָטן
מיט מאַרגאַריטקעס נאַנט און ווייט.
אַך, מאַרגאַריטקעס, בלימלעך ווייסע,
זיי ווינקען אונדז אַהין, אַהער...
און פיל דו זאָלסט נישט קלייבן, רייסן —
אין פעלד פלעגט איבערבלייבן מער.
מיר פלעגן שווייגנדיקע קומען
אַהיים צום טומל... שפּרייזן שטיל:
מיט נישט-צונויפגעלייגטע בלומען,
מיט ווערטער נישט-דערזאָגטע פיל.
מען פלעגט אונדז נייגיריק באַטראַכטן
און אָפט מיט קנאה, צאָפט געלאַכט...
איך פלעג זיי ווייניק איצטער אַכטן,
נאָך ווייניקער פון זיי געטראַכט.

טז.

זי פלעגט אַוועק צו זיך אין חדר
און צודערנאַכט זיך איבערטאָן,
און צודעקן פלעגט אירע קליידער
דער שאַל, איר שאַל פון אויבן-אָן.
ער קילט אונדז פריילעך, ווי אַ פעכער,
און ער באַגלייט אונדז איבעראַל.
ער רייסט זיך ווייטער, ווייטער, העכער —
דאָס ווייסע וואָלקנדל — דער שאַל.
אָ, וויפיל מאָל דער שאַל, דער חלום,
ער לויפט אַרום פון איר צו מיר:

ער פלעגט אונדז ביידן מאַכן שלום
אין שווייגנדיקן פעלד-שפּאַציר.
רעגינע שווייגט! ווער ווייסט די סיבה?
זי האָט פאַרקוקט זיך שטום אין ווייט
און איך... מיט ציטער און מיט ליבע —
איך קוש דעם שאַל, דאָס שטיקל זייד.

יז.

אין רעגן-טעג, אין נעכט אָן שטערן,
די וועלט איז טרויעריק און בלינד.
מיר פלעגן ביידע זיך צוהערן,
וואָס זאָגט אונדז פאַר דער בייזער ווינט.
אין אָט אַזעלכע טריבע שעהן
איז יעדעס וואָרט אינטים, געטריי;
מיר פלעגן ביידע זיך פאַרטרויען
פון טעג, וואָס זענען שוין פאַרביי.
זי האָט גערייזט, גאַנץ אָפט באַזונדער
און אָפט אינאיינעם מיט איר מאַן:
געזען איטאַליעס שענסטע וווּנדער,
באַגריסט דעם הימל פון מאַנבלאַן.
און איין געדאַנק איז איר פאַרבליבן:
זי טראַכט און רעדט מיט מיר דערפון.
עס לוינט צו ליידן און צו ליבן,
ווייל אומעטום איז העל די זון.

יח.

מיר פלעגן מענטש און וועלט באַריידן,
נאָר קיינמאָל, קיינמאָל נישט דערמאָנט,

אַז אונדז ווערט שווערער זיך צו שיידן,
אַז אונדזער ליידן איז שוין נאָנט.
דאַן דוכט זיך מיר: זי ווייסט פון אַלעס.
פון אַלץ, וואָס טוט זיך אין מיין ברוסט;
איך האָב געהאַט אַזוי פיל כּלות,
נאָר אַזאַ שרעק נאָך נישט געוווּסט,
זי האָט פון זיי מיך צוגענומען
און אונטערטעניגט מיט איין בליק.
כ׳האָב פריִער לייכט מיין גליק באַקומען
און לייכט געוואָרפן אים צוריק.
און איצטער, גאָט! צי מעג איך האָפן?
איך ציטער אָפּטמאָל, ווי אַ קינד.
אָך, אפשר קומט זי מיך באַשטראָפן
פאַר קליינעם ציל און גרויסע זינד?

יט.

זי פלעגט מיך פאָרשן און נאָכשפּירן!
מיין יעדעס וואָרט, מיין יעדן טריט.
איך פלעג מיט שמייכל זיך פאַרלירן
און פאָרזיכטיק מיין שטאָלץ געהיט.
איך האָב געוואָלט מיין גליק פאַרדינען:
איר שטאָלצע פריינטשאַפט פאָדערט רעכט,
נאָר שטענדיק מאַטערט זיך מיין זינען,
צי טו איך גוט, צי טו איך שלעכט?
איך האָב זיך יעדן טאָג געביטן,
געלייטערט זיך, זי פלעגט עס זען,

און אויב איך האָב שוין שטאַרק געליטן,
איז מיר דאָס ליידן ליב געווען.
עס זענען וואָלקנס לאַנג געהאָנגען,
ווי שווערע שטיינער אויף דער וועלט.
די זון איז ווידער אויפגעגאַנגען
און ווידער וואַלד און ווידער פעלד.

כ

די סאָסנעס פרעגלען זיך, די גרינע,
אין פעך, אין גאָלדענעם בורשטין.
זי שווייגט היינט ווייניקער, רעגינע,
זי פירט מיך ווייט!... וווהין? וווהין?
זי האָט די אויגן מיר פאַרבונדן,
פאַרוויקלט שטאַרק אין זיידנעם שאַל.
איך הער, זי שפרייזט, זי איז פאַרשוווּנדן,
מיט שטילע טריט אַוועק צום קוואַל.
דערנאָך זי קומט, די האָר צעלאָזן,
דאָס קלייד אויף זיך פאַרקנעפּלט לייכט,
אַ פולע האַנט מיט וואַסער-גראָזן,
זיי גלאַנצן נאָך, זיי זענען פייכט.
זי גלאַנצט אינגאַנצן פריש און מונטער,
זי לאַכט פון מיר, פון איר קאַפּריז.
דער שאַל, דער שומר, פאַלט אַרונטער
און קניט צו אונדז, צוביידנס פיס.

כא.

אַ העלער שטערן ברענט אין צפון,
אַ צווייטער ברענט אין מערב-זייט.

דער פּענסיאָנאַט איז שוין געשלאָפֿן
און איך האָב ליב די שטילע צייט.
ווי ליידיק קוקט די גאַסט־ווערענדע,
דאָרט וואַלגערן זיך איינזאַם־שפּעט,
ווי אין אַ קינדערשער לעגענדע
די גרויסע האַמערס פֿון קראָקעט.
און צוויי־דריי העלע נישטלעך־קאָרטן,
זיי ליגן ברייטלעך אויפֿן גראָז
און טאַנצן שטיפֿעריש אין גאָרטן
פֿון יעדן קליינעם ווינטל־בלאָז.
באַם פֿענסטער דרימלט מיין נשמה,
זי ניכטערט זיך פֿון טאָג איצט אויס.
די נאַכט — מיין רויִקע נחמה —
זי קומט אַריין און גייט אַרויס.

כב.

זי שפּרייזט אין חדר אין מיין שטילן
מיט שאָטן־טריט. . . איך פֿיל דעם גלעט
פֿון סאַמעט־ווייכע נאַכט־מאַטילן,
זיי קושן מיך און פֿליִען העט!
די נאַכט, זי וויל דאָ וואָס געפֿינען,
די שמעטערלינגען קוקן אויס. . .
מיר דוכט, זיי פֿליִען צו רעגינען,
אין צווייטן פֿליגל פֿון דעם הויז.
איך וואַרף אַ בליק צו יענעם פֿענסטער,
וואָס דעקט זיך איין אין סאַמעט־שוואַרץ.

און יעדער קלאַנג, דער שאָרך דער קלענסטער
וועקט אויף אַ ציטער אין מיין האַרץ.
אַ שוואַרצע קאַנווע ציט זיך אויבן
און עמעץ וועבט מיט פעדעם גאָלד.
וועב, הימל, אויס מיין טרוים, מיין גלויבן,
דעם בליק פון דער, וואָס איך האָב האָלט.

כג.

עס שלאָפן שטום די פרעמדע שכנים,
עס שלאָפט דאָס פעלד, דער וואַלד פון סכך,
די וועלט געהערט באַנאַכט צו קיינעם,
נאָר בלויז צו די, וואָס בלייבן וואַך.
אין יענער שעה איז זי געקומען
צו מיר ווי יהודית שלאַנק און שיין,
דעם לייכטן שאַל אַראָפּגענומען,
געררייצט מיט שווייגנדיקן חן.
אַזוי פיל פלאַם אין אירע אויגן,
אַזוי פיל דרייסט אויף איר געזיכט...
די נאַכט האָט טונקלער זיך פאַרצויגן,
די שטערן העל, ווי חופּה-ליכט.
איך ווייס נישט ווען: באַנאַכט, באַגינען,
איך ווייס נישט ווען זי איז אַוועק.
איך כאַפּ זיך אויף מיט פרייד אָן זינען —
די זון שפּאַצירט שוין אויף איר וועג.

כד.

און שטראַלן ברענענדיקע פאַלן:
אַ נס איז דאָ באַ מיר געשען.

איך פרעג פאַרוווּנדערט בײַ די שטראַלן,
צי איז רעגינע ראַ געווען?
איך לויף צום טיש, צום פרישטיק עסן,
דער עולם טומלט שוין פון לאַנג.
רעגינע איז נישט ווײַט געזעסן,
גערוט אין גאָרטן אויף אַ באַנק.
איך האָב דערזען די שטאָלצע אויגן,
דערזען דעם פלאַטער פון איר שאַל,
און באַלד צוריק מײַן פרייד געצויגן,
דאָס שענסטע וואָרט וואָלט זײַן באַנאַל.
די נאַכט האָט אַנדערע געזעצן
האָב איך אין האַרצן זיך געטראַכט:
רעגינע וואָלט מיך מער נישט שעצן,
ווען איך דערמאָן בײַטאָג די נאַכט.

כה.

אין מיטן פעלד בין איך געשטאַנען
און אויסגעקוקט דעם ווײַטן וועג,
איך האָב מײַן גליק נאָך נישט פאַרשטאַנען
און שוין געפילט אַ נײַע שרעק.
איך האָב געוואַרט. . . געריסן בלומען
און אומגעדולדיק זיי צעפליקט.
דערנאָך, ווען זי איז אָנגעקומען,
האָט אונדז דאָס שווײַגעניש באַזיגט.
נאָר איצט איז מיר דאָס שווײַגן שווערער,
מײַן בליק איז בייז, מײַן האַרץ פאַרקלעמט:

צווײ גליקלעכע, צווײ נאַכט־פאַרשווערער,
פאַרוואָס איז אונדז די זון־צײַט פרעמד?
צי זאָל דאָס זײַן דײַן שטראָף, נקמה?
חרטה? ליבע? זאָג, פאַרטרוי!
פאַרוואָס באַהאַלטסטו דײַן נשמה?
זי קוקט מיך אָן אין לאַכט, די פרוי.

כו.

ווי גיך, ווי פלינק זי גײט אַריבער,
פון שווײַגעניש צום שמײכל־בליק.
דאָס פעלד, דאָס לעבן ווערט מיר ליבער,
און יעדער גראָז לעבט אָפּ צוריק.
נאָר טיף אין האַרצן, טיף אין זינען,
דאָרט פאַלט אַ ספק גאַנץ שטיל:
צי קאָקעטירט זי נישט, רעגינע?
צי שפּילט זי נישט מיט מײַן געפיל?
איך זוך דעם סוד אין אירע אויגן...
און זען דעם ספינקס איז ווידער גוט.
זי האָט צו מיר זיך טרײַ געבויגן
און טרײַ געהאַלדזט אין דער מינוט.
פאַרקושט מײַן שרעק און מײַן באַצווונגען
נישט רעדן מער, מײַן וואָרט פאַרכאַפּט...
אַ פייגעלע האָט באַנט זעזונגען,
אַ פלאַמיק האַרץ האָט באַנט געקלאַפּט.

כז.

און וויפיל טעג זענען פאַרגאַנגען?
און וויפיל נעכט אין פרייד און שרעק.

מען האָט צראָפּגעפּירט די זאַנגען
און ליידיק, ליידיק אונדזער וועג.
די זון איז קיל און מיד געוואָרן,
דער וואַלד איז שטום און טונקלער-גרין.
און יעדן טאָג גייט וואָס פאַרלוירן,
עס שטאַרבט אַ שמעטערלינג, אַ בין.
אַ פויגלס טרעל ווערט שטום פאַרבאָרגן,
אַ בלום גייט אויס אין פעלד פאַרשמאַכט.
און איינמאָל, איינמאָל אין פרימאָרגן
האָט מיר די דינסט אַ בריוו געבראַכט:
„איך פאָר אַוועק, צו וואָס זיך זעגנען?
„בלייב שטאָלץ, האָב ליב און שטרעב אין לייד.
„מיר וועלן ווען זיך נאָך באַגעגנען,
„אויב נאָר מיט אונדז וועט זיין די צייט".

כח.

איך האָב דעם הימל נישט פאַרשאָלטן
אין יענעם טאָג, איך האָב פאַרבראַכט
אין פוסטן פעלד, אין אָפּגעגאָלטן,
און טיף פון זיך אַליין געלאַכט.
געלאַכט פון לעבנס מאָדנע זאַכן,
דערמאַנט רעגיִנען טריט אויף טריט.
דאָ פלעגט זי זיצן, רעדן, לאַכן
און דאָרט גערוט, געדרימלט מיד.
דאָ איז זי איינמאָל בייז געוואָרן
און דאָרט געווען אַזוי גוט,

געריסן בלימלעך אין די קאָרן
און מיט אַ בליק געשמידט מיין מוט.
איר שאָל איז אָפטמאָל דאָ געפלויגן
און מיטן ווינט גערייצט זיך מילד.
ער שוועבט אויך איצטער פאַר די אויגן
און דעקט מיר אויף רעגינעס בילד.

כט.

דו ווייסט די צייט, ווען בלעטער פאַלן
און ס'רייסט דיין בליק זיך ענדלאָז ווייט.
ווען אין דער לופטן שוועבן שטראַלן
פון שטיקלעך שפינוועבס... אלול-צייט...
דו ווייסט די צייט, ווען פעלדער שווייגן
און ס'שרעקט דעם וואַלד אַ נאָענטער טריט.
אַ פויגל יאָמערט אויף די צווייגן
און דיין נשמה פילט עס מיט.
דאָס טייכל לויפט פון שטראָם געטריבן
און טראָגט אַוועק אַ געלעס בלאַט.
איך איינער בין שוין דאָרט געבליבן,
אין אונדזער שטומען פּינסיאָנאַט.
איך האָב געחשבונט אָפט מיין לעבן
אין ווייטן איינזאַמען שפּאַציר:
וואָס האָט דער זומער מיר געגעבן
און וואָס האָט ער גערויבט באַ מיר?

ל.

איך בין קיין ענטפער נישט דערגאַנגען
נישט באַ מיין האַרץ און נישט באַם פעלד.

איך וועל צום הימל נישט דערלאַנגען
און נישט אַרומנעמען די וועלט.
נאָר עפּעס וועט מיר שטענדיק ווייען
און אייביק בלוטיקן מיין ברוסט.
ווי יעדער איינער וועט זיך פרייען,
וועט מיר דאָס לעבן זיין אָן לוסט.
איך וועל אַזוי שוין אייביק זאָרגן,
איך ווייס מיין מזל. . . נישט געדאַכט.
באַנאַכט דערוואַרטן דעם פרימאָרגן
און טאָג-צייט אויסקוקן די נאַכט.
און ווינטער בענקען נאָכן זומער,
און זומער חלומען פון שניי. . .
די גלייכסטע וועגן ווערן קרומע,
ווי נאָר איך שטעל אַ טריט אויף זיי.

לא.

אין שניי איז וואַרשע דאַן געלעגן,
אין קאַרנאַוואַל, אין סאַמע ברען.
איך האָב רעגינען נישט באַגעגנט,
פון יענער צייט נאָך נישט געזען.
פון זומער איז אַ טרוים געבליבן,
אַ נישט-דערזונגענעס געזאַנג.
עס ווילט זיך ווידער ליידן, ליבן,
עס בענקט מיין האַרץ פון דאַמאָלס-לאַנג.
איך האָב געוווּסט די גאַס, די מויער,
גענוי דערגאַנגען איר אַדרעס,

נאָר מיט געדולד האָב איך געליערט
אין אַלץ געוואַרט ווי אויף אַ נס.
געוואָלט האָב איך אין גאַס און שפּרייזן
באַגעגנען ווען איר שטאָלצן בליק:
זי זאָל זיך אומגערעכט באַווייזן
און ברענגען אומרו, לייד צי גליק.

לב.

איך פלעג פאַנטאַזיע־שלעסער בויען,
זי זוכנדיק אין גאַס פאַרטראַכט.
אין קאַלטע טעג, אין שלעכטע שעהן,
אין ליבן פרעסטעלע באַנאַכט.
עס האָט געשראָקן דאָס דערוואַרטן,
עס האָט גענייגערט איבעראַל.
דער שניי אין לייכטן פלי, אין צאַרטן
פלעגט אויסזען, ווי רעגינעס שאַל.
נאָר זי אַליין האָט זיך פאַרבאַרגן,
באַהאַלטן ערגעץ זיך אין שניי.
און אַלץ געדרייצט זיך: „מאָרגן, מאָרגן!"
נו, גוט, איך קום. נו גוט, איך גיי
אויף מאַסקאַראַדן און טעאַטער,
איך האָב געזוכט זי אין קאָנצערט.
עס האָט די צייט מיך שטאַרק געמאַטערט,
נאָר זיין וועט דאָס, וואָס איז באַשערט.

לג.

אין טעג, ווען שאַטנס נעמען קלעמען
דערמאָן איך זומער־פרייד און שיין.

איך בין מיט שניי־פראָסט אויף די ברעמען
פאַרנאַכט אין אַ קאַפע אריין.
עס גלאַנצן לאָמפּן פיל אין שפּיגל,
די קאַנדעליאַברעס שיטן גאָלד,
ווי ס׳וואָלטן פייערדיקע פליגל
מיט יעדן פליִען איצט געוואָלט.
איך האָב אַן אָרט זיך אויסגעפונען
אַ ביסל ווייטלעך, אָן דער זייט,
איך האָב אַליין זיך נישט פאַרגונען
קיין צופיל פרייד אין יענער צייט.
נאָר פלוצלינג — רויִקער, מיין זינען!
אָ, בייזער שפּיגל, נאָר נישט אָפּ.
איך האָב דערקענט נישט ווייט רעגינען,
דערזען האָב איך איר שטאָלצן קאָפּ.

לד.

מיר האָבן ביידע זיך פאַרוואונדערט,
די הענט דערלאַנגט, אַ וואָרט געזאָגט.
נאָר אויגנבליק זיך אָפּגעזונדערט,
ווי ס׳וואָלט די פרייד אַזוי פאַרזאָגט.
זי איז מיט פריינט אירע געזעסן
און איך אין ווינקל גיי צוריק.
זי האָט דעם זומער נישט פאַרגעסן, —
דאָס זאָגט מיר אָן איר ערשטער בליק.
דערנאָך באַם לעצטן זיך פאַרנייגן
האָט זי אַ רגע מיך באַטראַכט.

די הענטשקעס לאַנגזאַם אָנגעצויגן׳
דערביי גערעדט דאָרט און געלאַכט.
און ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען,
דעריאָגט איר וואָרט מיך לייכט און פיין.
איך הער ביז איצטער נאָך די קלאַנגען:
„קומט ווען אַריין, קומט ווען אַריין“.

לה.

אויף דער קרולעווסקאַ-גאַס אַ מויער,
די שטרענגע טירן פעסט פאַרמאַכט,
נישט ווייניק פרייד, נישט ווייניק טרויער
האָט מיר דאָס הויז יענץ דאַן געבראַכט.
די טרעפ, די שרעקעדיקע שטיגן,
עס דוכט, זיי טרייבן מיך צוריק.
פון ערגעץ פאַלט אַ שווערער ניגון,
ווי פאַר אַ קלויסטער די מוזיק.
עס שרעקט זיך לייכט באַם ערשטן קומען
און גאָר אומזיסט, אומזיסטע שרעק.
זי האָט מיך מונטער אויפגענומען
און זי דערמאַנט אַלץ יענע טעג:
„געדענקסטו דעם, געדענקסטו יענעם?“
דעם פענסיאָנאַט מיט זיינע געסט.
וואָס רוישן, טומלען, ווי אין גיהנום,
אין דאָרף באַ דער נאַטור אויף קעסט?

לו.

איך וויל זיי קיינעם נישט געדענקען,
נאָר איין דערינערונג, איין שטראַל

מאַכט שטענדיק אומרויִק מיין בענקען,
מיין פריינט! דאָס איז דיין ווייסער שאַל.
זי האָט מיין וואָרט געמיִזט דערפילן,
ווייל זי האָט דאַן געדריקט מיין האַנט.
אין יעגעם אָוונט אין דעם שטילן
האָט זיך באַגייט אונדזער פאַרבאַנד.
עס האָט אַ פרישער שניי געשאָטן,
ווען איך בין שפּעט פון דאָרט אַרויס.
איך האָב מיט לוסט דעם שניי געטראָטן
און אַלץ געשפּרייזט, פאָרויס, פאָרויס.
עס האָבן טויזנטער וואָלן
פון לייכטסטן ווענ פאַר מיר געשוועבט,
געשלייערט זיך, געטאַנצט, געפאַלן
אוןווידער פריילעך אויפגעלעבט.

לג.

עס פלעגט מיין האַרץ מיר אונטערזאָגן,
ווען ג״ין צו איר און ווען נישט גיין.
איך זאָל מיי גליק נישט איבעריאָגן,
פאַרברענג איך אָפט אַ טאָג אַליין.
מיין גליק... ווי זאָל איך עס פאַרטרויען?
עס איז מיר יומטבדיק געווען,
אין רו, אין רויש, אין אַלע שעהן,
מיט אַלץ, וואָס פלעגט מיר דאַן געשען.
מיין גליק... ווי זאָל איך עס דערקלערן?
איך האָב געציטערט פאַר מיין גליק,

ס׳קען זיין, דער יום־טוב וועט נישט ווערן
און שווער וועט זיין דער וועג צוריק.
איך האָב פון מענטשן אַלץ פאַרבאָרגן,
איך האָב די פריינט מיינע גענאַרט.
מיין צוקונפט איז געווען דער מאָרגן,
די שעה, וואָס רופט, די שעה, וואָס וואַרט.

לח.

און אויף רעגינעס שטומע שטיגן
דאָרט, ווו די שאָטנס שוועבן שטיל,
פלעגט אָפט די פרעמדעניש באַזיגן
און קאַלט באַפאַלן מיין געפיל.
עס האָט געדוכט: איך גיי אין תפיסה...
דאָך בלויז איין רגע, איין מאָמענט,
אַ שטאָלצער בליק פלעגט מיך באַגריסן
און איך האָב זיך שוין נישט דערקענט,
אַ לייכטער ריח פון מימאָזן
און ליכטיק איז און היימיש דאָרט,
די שטאָרן שטאַר אַראָפּגעלאָזן
און טרייקייט קלינגט אין יעדעס וואָרט.
זי איז אַ קינסטלערין אין ליבע,
זי צירט אין שענערט אויס דעם וועג,
זי האָט זיך קליידער צוגעקליבן
צו יעדער שטימונג פון די טעג.

לט.

ווי אויף אַן אינדזל אָפּגעשניטן...
מיר האָבן מענטש און שטאָט פאַרלאָזט.

דער שניי פלעגט אונדזער שוועל פאַרשיטן,
די פענסטער מאָלן פלעגט דער פראָסט.
מיט מאָדנע צפונדיקע ליניען,
מיט בלומען פון אַ טויטן־לאַנד,
ווי אַ געשטאָרבענער באַגינען
גייט אויס דאָס טאָג־ליכט אויף דער וואַנט.
דער גרויער שטורעם קלאַפּט און צאָרנט,
פאַרפרוירן ווערט די וועלט באַנאַכט.
נאָר אונדזער אינדזל איז באַוואָרנט
מיט וואַרעמקייט און רו באַוואַכט.
דער אויוון שטייט באַצירט אין ראַמען
פון גאָלד אויף ווייסן מאַיאָליק.
עס שטראַלן זיך די שטילע פלאַמען
אין שפּיגל און אין אונדזער בליק.

ט.

אַ בריוו פלעגט אָנקומען אַ טרייער,
אַ גוטער בריוו פון ערגעץ־ווייט.
רעגינע וואַרפט דעם בריוו אין פייער
און בלייבט פאַרקלערט אַ קורצע צייט.
די רויטע אָנגעגליטע קוילן
פאַרחלומען דאָס גאַנצע הויז,
עס ווילט זיך לייענען, דערציילן...
דאָס בוכל פאַלט פון האַנט אַרויס.
און אומעטן, אומעטן אויף די גאַסן,
דאָרט רוישט די שטאָט און שפּריצט און קלינגט,

באַ אונדז דער זייגער קלאַפּט געלאַסן
און עמעצער פֿון ערגעץ זינגט:
צי דורך דער וואַנט דערגרייכן טענער,
צי ס'זינגט די רו פֿון זיך אַליין?
עס שוועבן טעג אָן ציל, אָן פּלענער,
פֿאַרהילט אין צערטלעכקייט און חן.

מא.

דאָס יונג-פֿאַרגאַנגענע דערמאָנט זיך,
אַרומגעוועבט מיט בענקשאַפֿט-זייד.
באַ איר אין שטוב איז שטענדיק יום-טובֿ
און פֿריציש-רויִק גייט די צייט.
איין שפּיגל שפּיגלט זיך אין צווייטן,
ווי אויג אין אויג געבליבן שטיין.
דער הענגלאָמפּ ציטערט אויף די קייטן
פֿון קלענסטן שאָרך, פֿון זיך אַליין.
די רונד-באַגאָלטע פֿאָליאַנטן
באַהאַלטן זיך אין ברוינער שאַנק,
און סודן זיך, ווי גוט-באַקאַנטע:
געווען אַמאָל אַ צייט... שוין לאַנג.
עס שאָטענען מיט לייכטן שימער
די אָליעאַנדערס באַ דער וואַנט.
די בילדער ווערן אַלץ אינטימער
און קוקן האַרציק-אומבאַקאַנט.

מב.

פֿון איין זייט קוקט אַ בליק אַ דרייסטער
דאָס איז קאָשטשושקאָ... פּוילנס העלד:

פון צווייטן חלומט פרום-באַגייסטערט
אַ ייִד פון בית-המדרש-וועלט.
באַ איר אין שטוב, אין שטילסטן חדר —
דאָרט איז געווען דער באָבעס אָרט.
געלעגן אָנגעטון אין קליידער
און נישט גערעדט שוין מער קיין וואָרט.
און נאָר די אויגן, שוואַרצע אויגן...
אָך, בליקן אויסגעלט, ווי די נאַכט.
איך פלעג אַריין, זיך שטיל פאַרנייגן,
די אַלטע פינגלט צו פאַרטראַכט.
די ליפּן נעמען שווער זיך ראַנגלען,
נאָר איר געדאַנק איז שוין נישטאָ.
דאָס איז אַ דור שטום אויסגעגאַנגען,
געשטאָרבן לאַנגזאַם... שעה נאָך שעה...

מג.

עס שלאָפט די שטאָט געשמידט אין אייזן,
אין שטיינער און אין פראָסט געשמידט.
עס איז אונדז ווייל באַנאַכט צו שפּרייזן
און האָרכן די מוזיק פון טריט.
„איך ליב דעם שניי, דו ווייסט, מיין יונגל!“
זי פלעגט אַזוי מיך רופן אָפט:
דאָס דאַרף נישט זייער ערנסט קלינגען
פאַר מיינע יאָרן... נישט געשטראָפט.
„איך ליב דעם שניי“, זיין רויִק פאַלן,
די וואַרעמקייט, וואָס ער באַהאַלט

און די מיליאָנען פונקען-שטראַלן,
וואָס בליצן גלייכגילטיק און קאַלט.
וואָס איז דער זומער מיט זיין בליען?
אַ טרייסט פאַר די נאַיווע... גלייב!
אַ וועלט מיט יאָרן לויפן, פליען
צום קאַלטן סוף, צום שטויב פון שטויב.

מד.

עס קריצט דער שניי שוין בייזער, קעלטער
און ברעכט זיך, ווי קריסטאַל, ווי גלאָז.
דער פראָסט איז פאַר אונדז ביידן עלטער
און פרירט אונדז אָפּ מיט כּעס די נאָז.
אַהיים, אַהיים! די לאָמפּן ברענען,
די איינזאַמקייט איז שוין פאַרביי,
אין צו די אַלטע גאָבּעלענען
פאַרנייגן זיך די בליקן טריי.
אַ הירש דאָרט מיט אַ קרוין פון הערנער,
ער שטייט אין וואַלד און קוקט און האָרכט,
און דורך די ביימער, דורך די דערנער
דוכט אויס גאַנץ קלאָר, ווי עפּעס שאָרכט.
מיר לייענען... און בילדער שוועבן,
עס קומען דורות אָן פון ווייט.
דאָס טיפסטע בוך איז דאָך דאָס לעבן,
דער שענסטער דיכטער איז די צייט.

מה.

זי איז אַוועק פון אירע נאָענטע,
צו איר פלעגט קיינער דאַן נישט גיין.

אין אוגדזער מילדן ליבע־פלאַנטער
איז זי די הערשערין אַליין.
מיר פייערן אַ צייט צוזאַמען:
איך — מיין יום־טוב, זי — איר זיג.
פון פונקען ווערן גרויסע פלאַמען,
פון פעדעם פלעכט מען דיקע שטריק.
איך האָב דערפילט, איך בין געבונדן;
נאָר נישט באַטראַכט עס, ווי אַ שטראָף.
אַ שטערן האָט זיך אָנגעצונדן
און זאָל ער ברענען ביזן סוף.
אַך, מענטשן ווילן אַלץ באַנייען
און זוכן שטענדיק נייע פרייד.
נאָר קיינער קען זיך נישט באַפרייען
פון אַלטן ספק ביזן טויט.

מו.

יאָ, מענטשן דורשטן נסים, וווּנדער,
אין אַלץ פאַרטרויט, אין אַלץ געניט,
נאָר גייסטיק מיט אַ פרוי באַזונדער,
דאַן רופט זיך אָפּ דאָס אַלטע ליד.
די אַלטע ליבע־סענטימענטן,
די גוטע טריישאַפט, וואָס באַשטראַלט
אין אייפערזיכטיקע מאָמענטן,
און כעס, און חשד, און שרעק באַפאַלט.
זיי שטילער, האַרץ! אין מיין זכרון
שוועבט דורך אַ גרויסעס בלומען־פעלד.

עס ווערט מיר ניי און יונג־געבוירן,
אין גרויען הארבסט, אין ווינט און קעלט.
זיי שטילער, הארץ! מען טאָר נישט מאָנען
בא דער פארגאנגענהייט קיין חוב.
עס איז פארהאַן, וואָס צו דערמאָנען
און דאָס איז אַלץ אין לעבנס־לויף.

מז.

מירביידע ליבן ווייסע שוואַנען
און האַסן וואָכעדיקע טעג,
מיר ביידע האָבן איינס פאַרשטאַנען,
אַז שיין איז דאַס, וואָס גייט אַוועק.
די ליבע טאַנצט אַמאָל אויף שפּיזן
און לאַכט און הוליעט, ווי אַ שד.
אַמאָל באַשטייט זי פון קאַפּריזן,
ווו ווערטער זענען נישט דערדעדט.
אָפט איז זי בעסער פאַר אַ מאַמען
און גוט און ברידערלעך און טריי.
אָפט ליבט מען און מען האַסט צוזאַמען,
מען בענטשט זיך און מען שילט דערביי.
און רוקט זיך אָן דער סוף דער שטרענגער,
און פאַלט דער ערשטער קאַלטער בליק,
דאַן טאָר מען נישט אַ רגע לענגער
פאַרהאַלטן מיט געוואַלט דאָס גליק.

מח.

מיר זענען נאָנט, צו נאָנט געוואָרן
און ביידע האָבן עס דערפילט.

איך האָב מיין רויִקייט פאַרלוירן
און זי... זי בייזערט זיך און שפּילט.
עס איז אַלצדינג נאָך ווי געוועזן,
איך איַל אין טייערן געצעלט...
אין צאַרטע נעכט מיט פּאַלאַנעזן,
און ליידנשאַפט... נאָר עפּעס פעלט.
און עפּעס נאָגט די אַלטע ווונדן
פון טעג, פון איינזאַמע אָן פרייַנט,
די ז י כ ע ר ק י י ט איז שוין פאַרשוווּנדן,
דער מאָרגן לויערט אויפן היינט.
איך האָב געליטן און געשוויגן.
רעגינע רעדט זיך אויך נישט אויס.
די פרעמדעניש פון אירע שוויגן
איז שוין אַריין צו איר אין הויז.

די אַלטע שטאָט, די שטומע עדות
פון דער פאַרגאַנגענהייט אויף דר׳ערד.
אין גאַס און געסלעך שוועבן סודות
פון גליק, באַטרוג, פון שטרייט און שווערד.
דו הערסט אַמאָל אַ זיפץ אַ טויטן
אינמיטן נאַכט פון נאַכט אַליין,
דו גייסט אַמאָל אַ פרייַנט באַגלייטן
און שווייגסט... ווי ס׳וואָלטן שאָטנס גיין.
די אַלטע הייזער — מיוחסים,
וואָס לעבן איינזאַם, רייך און שטיל.

אַ שטרענגשאַפט ליגט דאָרט אויסגעגאָסן,
אַ שטאָלץ פון דורות אַזוי פיל.
די גייסט פאַרביי און האָרכט די קלאַנגען;
מוזיק פון באַך און פון ראַמאָ,
און אין אַ גאָרטן דורך די שטאַנגען
אַקאָמפּאַנירט אַן אַלטע קראָ.

נ.

און די, וואָס לעבן אין די הייזער —
וואָס גייט זיי אָן די גאַנצע וועלט?
זיי קענען וואַכן זיך נישט ווייזן
פון אַלעמען פאַרמאַכט, פאַרשטעלט.
די ליפּעניש און רויש פון לעבן
פאַרהאַסט דער סקעפּטישער געדאַנק,
צו דעם, וואָס אַנדערע פיל שטרעבן,
דאָס האָבן זיי דערגרייכט שוין לאַנג.
עס וואַקסן הייזער אויס ווי ריזן
און וואַרפן שאָטנס, שטיקער נאַכט
אויף די אַלטמאָדישע קאַרניזן
און אויף די פענסטערס שטומען טראַכט.
און קלער איך איצטער פון רעגינען,
דערמאַנט זיך מיר אַלץ אַזאַ הויז:
מיט טיף פאַרשלייערטע גאַרדינען,
וואָס לאָזן נישט קיין שטראַל אַרויס.

נא.

אויף אירע אַקסלען איז געלעגן
דער שאַל, דער ווייסער, אויסגעשפּרייט.

נאָר אָן אַ ציטער, אָן באַוועגונג,
געלעגן ווי אַ פויגל טויט.
יאָס ווערט מיר ענג אין גרויסן חדר
און עס פאַרדריסט אויף זיך אַליין...
און הארצן גיב איך זיך אַ נדר,
איך וועל אַהערצו מער נישט גיין.
די ווייטקייט איז אונדז שטענדיק שענער,
אונדז רייצט די צוגעדעקטע קאָרט.
ווו קומען הין די צאַרטע טענער,
דער ליבער חן פון ערשטן וואָרט?
ווו גייט דער מאַי אַוועק? מיר האָבן
גאָר ווייניק בלומען מיטגעבראַכט.
ווו ווערן באַבאָשקעס באַגראָבן?
ווו נעכטיקט טאָג? ווו טאָגט די נאַכט?

ווער רייסט די דינע פעדעם איבער?
דעם זייד פון אונדזער גליק-פאַרבאַנד?
אַך דאָס, וואָס מענטשן רופן ליבע —
ווער רויבט עס, ווען מענטש בייזע האַנט?
מיין פריינט! איך וואָלט דיך וועלן פרעגן,
מיין פריינט! דו ווייסט, דער שניי צעגייט:
אין דיין באַגלייטן און באַגעגנען
איז מער נישטאָ פאַר מיר קיין פרייד.
זי האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן
אַזוי פאַרוווּנדערט מיך באַטראַכט.

דער שאָל, דער ווייסער, פאַלט דערלעבן
און ווער? און וואָס? . . . רעגינע לאַכט.
וואָס איז די לייד? וואָס זענען זאָרגן,
אַז איין סעקונדע נעמט עס צו?
וואָס איז דער שרעקעדיקער מאָרגן,
אַז איצט איז גוט און איצט הנרשׂ רו.

נג.

עס שלעפּט זיך קוים דער לעצטער שליטן,
דאָס פערד קלאַפּט אָן דעם ערשטן שטיין.
דער שאָטן וויל נאָך ווי פאַרהיטן
אַ בי6ל ווייסקייט זילבער־ריין.
עס שפּרינגען אום מיליאָנען שטראַלן
און הרגענען אוועק דעם שניי.
עס גיסט און שטראָמט, פאָנטאַנען פאַלן
פון דאַך און וואַנט. . . און ווו איך גיי.
אין קויט און גליטש איז שווער צו איילן,
נאָר די נשמה לויפט פאָרויס
און טרוימט פון פעלד, פון גרינע מיילן. . .
איך שטיי באַ דעם באַקאַנטן הויז.
איך שפּרייז אויף די פאַרקלערטע שטיגן,
וואָס ווידערקולן מיינע טריט.
איך קען מיין פּחד נישט באַזיגן,
באַ יעדן קומען גייט עס מיט.

נד.

דאָך האָב איך ווייניק זיך פאַרלאָרן,
ווען איך דערהער די בשׂורה דאַן:

רעגינע איז אוועקגעפאָרן,
אַ בריוו געלאָזן פאַר פאַן:
„מיין פריינט, דערגרייכן הייס פאַרלירן,
„מיר ביידע ווייסן עס גאַנץ גוט.
„זאָל די דערינערונג באַצירן
„אַמאָל דיין איינזאַמע מינוט.
„עס צאַנקען שוין די לעצטע פונקען,
„דאָרט וווּ אַ פייער איז געווען.
„איך האָב דעם בעכער נישט דערטרונקען,
„איך זאָל זיין ליידיקייט נישט זען.
„עס ווילט זיך ווידער רייזן, שטייגן
„צום אומדערגרייכטן ים און באַרג.
„איך ווייס. . . מיר ביידע קענען שווייגן,
„און — זיי געזונט, און זיי מיר שטאַרק!“

וואָס טוט זיך פרילינגס-צייט אין גאָרטן,
אין פארק אין זאַקסישן באַטאָג:
די קליינע קינדער שטיפן דאָרטן,
עס גייט אַ שפרינגע, אַ געיאָג.
מיט רייפן הילצערנע, מיט באַלן,
מיט טאַטשקעס, וועגעלעך מיט זאַמד.
די אויגן באָדן זיך אין שטראַלן,
די בעקלעך רויטלען זיך צעפלאַמט.
ווי גרויסע פאַרביקע מאָטילן,
וואָס פלאַטערן צווישן צווייג.

דו קענסט אַליין זיך שוין נישט שפּילן...
שאַ קוק די קינדער אָן און שווייג.
די פרישע גרינקייט בלענדט די אויגן,
דאָס ראָזע בלִיעכץ שוועבט אין פאַלט,
אַ ווייסע טויב איז דורכגעפלויגן,
מיט זון די פליגל דורכגעשטראַלט.

נו.

אומזיסט פאַרצוימען די פאַרקאַנען:
די אויגן רייסן זיך אַהין,
צו די ברייטצווייגיקע קאַשטאַנען,
צום יונגן ביימעלע זשאַסמין.
איך בייס די שנעבעלעך פון בלימל,
איך אָטעם טיף זיין ריח איין.
עס שיכּורט און עס נייגט צום דרימל,
עס מונטערט, ווי אַ יונגער ווין.
אַלץ בליט אַרום, אַלץ לויכט אינאיינעם:
דעם הימלס וייט, דער שטויב פון דר׳ערד.
פון וויטן קוקן הייזער־זקנים
אין דער פאַרגאַנגנהייט פאַרקלערט.
די אַלטע לייט, ווי שטיל־באַשיידן,
זיי שפּרייזן אינצן מיט קליינע טריט.
היינט טרוימט די אַלטקייט פון גן־עדן,
וו שטענדיק שטראַלט, וו אייביק בליט.

נז.

איך זוך אין לעבן נישט קיין וווּנדער,
איך בעט דעם הימל נישט קיין נס.

מיין תפילה גייט צו גאָט באַזונדער
און דאַנקט אים פאַר אַ צווייגל בעז.
מיך בייגערט נישט דער סוד פון מאָרגן,
דער איצטער איז מיין צער, מיין לוסט.
און ווי אַן אוצר גוט פאַרבאָרגן
רוט אָפּ דער נעכטן אין מיין ברוסט.
איך לויף פון אייערע מלחמות,
איך יאָג זיך נישט נאָך צופיל פריינט,
ווי אָרים זענען די נשמות,
וואָס זען נישט די פרייד פון היינט.
אַך, אומעטום און איבער אַלעס,
איך הער אַ שטומען רוף צוריק.
די טעג, וואָס טראָגן זיך ווי פאַליעס,
פאַרשווענקען נישט רעגינעס בליק.

נח.

פאַר אירע שטאָלץ־פאַרפּעמדטע אויגן,
וואָס ברענגען אומגעריכטע פרייד,
בין איך איצט גרייט מיין קאָפּ צו בויגן
און דאַנקען, בענטשן בין איך גרייט.
— צום צווייטן מאָל איז זי אַנטלאָפן —
פון זיך? פון מיר? איך טראַכט פאַרצערט;
צי קען אַ האַרץ זיין שטענדיק אָפן,
ווען פייער לעשט און בלום פאַרדאַרט.
איך גיי אַ פריילעכער אַנטקעגן
דעם יונגן פרילינג און איך לאַך,

ווען פריינט באַגריסן מיך און פרעגן:
און ווי איך לעב און וואָס איך מאַך?
איך לאַך אין טאָג אין דעם נאַשטראַלטן,
ווייל בלומען זע איך, ווו איך גיי,
ווייל טיף אין האַרצן ליגט באַהאַלטן
אַ שיינער כוד פון ווייסן שניי...

נט.

צו יום-טובדיק איז מיין נשמה
פאַר אייער וואָכעדיקן וועג.
עס בלייבט איינאיינציקע נחמה:
אַליין זיך יום-טובן די טעג.
ווי פייגלעך זוכן ברעקלעך שפייזן
אַזוי זוך איך מיין קליינע פרייד.
זאָל זיין אין וואַנדערן אין רייזן,
אין פרילינג, אין זיין ווייסער קוויט,
אין זומערדיקן רעגנבויגן,
וואָס שפיגלט זיך אין טייכל אָפּ.
אין גאָלד פון האַרבסט, וואָס בלענדט די אויגן
און פאַלט באַקרוינענדיק דיין קאָפּ.
איך זוך מיין פרייד דורך צער, דורך לייד, —
עס פרישט נשמות, ווי א טוי.
אין איינזאַם, וואָס איך קען נישט מיידן
און אין אַ שמייכל פון אַ פרוי.

ס.

אין פלאַם פון זון, וואָס פרוינט מיין פנים,
אין שאָטן, ווו איך בענק נאָך שיין;

אין האַס צו נישטיקייט פון שונאים
און אין אַ פערז, וואָס גיט זיך איין. —
איך זוך מיין ליד און מיינע פאַרבן
אין יעדן שפיל פון לעבנס-גאַנג.
עס טאָר איין טאָג מיר גרוי נישט שטאַרבן;
אָן רייץ, אָן טרוים און אָן פאַרלאַנג,
און אַלע זאָרגן אויף צולהכעיס
פאַרגעס איך נישט מיין יום-טוב צוועק.
'עס זאַמלט זיך אין האַרצן ברכות
פאַר גוטע און פאַר שלעכטע טעג.
ווייל דערנער פאַרבן זיך ווי בלומען,
ווען זיי צעבלוטיקן אַ האַרץ.
און דער, וואָס איילט צו תפילה קומען,
פאַר יענעם איז די נאַכט נישט שוואַרץ.

1915—16

וואַסער

דאָרט, ווו דאָס אייז האָט געפּלאַצט
האָט אַ קראָ זיך דערשראָקן,
דריי קאַראַהאָדן געמאַכט
און דריי מאָל געשאָטנט אין וואַסער
מיט שוואַרצע, מיט לאַנגזאַמע פליגל. . .

און איידער די קראָ איז פאַרשוווּנדן
האָט עפּעס גענומען זיך ריר,
עס האָט די געפרוירענע שלאַנג
ווי אַ ציטער געגעבן.
דער טייך האָט פון ווינטער דערוואַכט.

לאַנגזאַם גענומען זיך רירן
מיט גרוילעכע שטאָלערנע פאַליעס,
מיט קאַלטע, מיט שוימיקע שטראָמען
שטח און אָטעם געזוכט,
שטח און אָטעם. . .

צעגאָסן זיך ווייטער און ברייטער,
פון אַלע זייטן באַגאָסן
די פראָסט־דעק, די שטייפע,
צעשווענקט און צעשפּאָלטן
פון ווינטער דעם קאַרק...

הוידענדיק קריעס געטראָגן,
געטונקט זיי, אין קאַלטקייט געצוואָגן
געשפּילט זיך מיט זיי, ווי מיט שעפּסן,
וואָס זענען דערטרונקען געוואָרן...

„קראַ!" און ליידיק די עלנדע פעלדער
און גרוי דער אומענדלעכער הימל...
דאָס וואַסער אַליין...
די וועלדער אַליין...
די קראָ איז אַליין...

שטייען די פּאַליעס אַ רגע:
קריעס פאַרצוימען די וועגן:
טעמפּ-קעפּיקע אָקסן מיט הערנער,
שטיקער פאַרגליווערטער ווינטער,
קעמפן מיט פלייציקן פרילינג...

גנבעט זיך אונטער דאָס וואַסער,
ווי נאָר אַ ביסעלע פלאַכער,
ווי נאָר אַ שפּיצל פון ווינטער,
גנבעט זיך אונטער געלאַסן
און גיט זיך מיט אימפּעט אַ ריס,

איצטער שוין ברייטער,
איצטער שוין פרייער,
איצטער געשווינדער.
א טייך איז געבוירן,
האָט ברעגן פאַרגאָסן,

אָפּגעלעקט
ברודיקן שניי פון די ברעגן,
מיטגעשלעפּט
שפּענדלעך און צווייגן און בלעטער
פון נאָך פאַראיאָרן...

ר'האָט העזה צום הימל באַקימען
און צווינגט אים אין וואַסער זיך שפּיגלען
מיט וואָלקענעס גרויע,
מיט שטיקעלעך בלויקייט,
וואָס קריכן אַרויס פון די וואָלקנס.

קיין מענטש איז דערביי נישט געווען,
קיין אויג האָט דעם נס נישט באַוואונדערט,
אָוועק איז אַליין שוין אַ בשורה,
אַ פרייליכע שרעק, אַ געמורמל:
„וואַסער!"

איצט האָט דאָס וואַסער שוין לשון באַקומען,
פּלאַפּלען געגומען און רוישן,
אָנזאָגן, אויפוועקן אַלע,
שליחים צעשיקט אין די טאָלן די פלאַכע
און צו די בערגלעך געשטיגן...

אַזוי ווי אַ לאַווע איִעק איבער פעלדער
אין ערגעץ אַ בוים אויסגעריסן
מיט זאַפטיקע, פייכטע,
מיט ערדישע וואָרצלען,
מיט קנאָספּן...

און ערגעץ אַ שייער צעטראָגן,
צעוואָרפן די דילן
אויף אַלע פיר זייטן
אין האַסטיקן לויף...

שטרוי-בונטן ערגעץ געפונען,
צעשאַטן, צעזייט אויף די שטראָמען,
און ס׳טאַנצן די שטרויען
און ס׳גלאַנצן די שטרויען,
ווי גאָלדענע דינע זיגזאַגן...

האָבן מענטשן גענומען
אַנטלויפן פון וואַסער
און לויפן צום וואַסער.
באַקוקן דאָס וווּנדער
און ראַטעווען לעבנס.

הזרימלעך קוויטשען,
פערד הירזשען, הינט בילן
און ווייבער מיט קינדער
פאַרלאָזן די הייזלעך די קליינע...

עס שרעקט און עס שרעקט נישט,
עס שרעקט און עס בייגערט,
עס רייצן די טונקעלע, גרויע,
די ריזיקע שטראָמען...
„קראַ!"

מחנותווייז קומען די קראָען,
און טראָגן זיך מיט מיט די קריעס,
און פּיקן אין וואַסער
דערטרונקענע עופות,
פּגרים...

1920

א שטורם

באַם טייך...
אויף אַ לאַנגן וואַסער-פּאַס
האָבן מענטשן זיך געבאָדן,
קינד און יונג און אַלט.
געטאַנצט, געשפּרונגען און געלאַכט...

אַ מחנה נאַקעטע
מיט זילבער-שוים געזייפט,
געפלאַזט זיך ווילעריש אין שוים,
אין שטיפעריי...

און איבער אַלץ האָט ווי אַ גיהנום-אויג
געקוקט די הייסע זון,
געבלענדט די אויגן,
ס׳וואַסער אָנגעוואַרעמט
און געבריט דאָס זאַמד.

האָ, האָ! ס'איז גוט!
האַ, האַ! ס'איז ווויל...
הענט, פיס און שלאַנקע קני,
לאַכנדיקע אויגן...
אַריין אין וואַסער און אַרויס,
געקייקלט זיך אין זאַמד
און ווי פאַרגליווערט-טויט געבליבן ליגן
אין פאַרחלשטער הנאה...

זון! ברען, ברוין...

מ'האָט געשטיפט,
מ'האָט לאַנג געלאַכט,
און נישט באַמערקט האָט מען
דאָס לייכטע, ווייסע וואָלקענדל
פון מערב:
אַ שטיקל זיידנס אָן אַ פאָרם
איז לאַנגזאַם דורכגעשוווּמען,
אינגאַנצן דורכגעשטראַלט מיט זון,
אומשולדיק ווייס.

באַנראַכט האָט עס דעם פלאַץ,
גוט או סגעקוקט דעם וועג
און ווייט אַוועק אויף יענער זייט פון הימל.

מ'האָט געשטיפט:
אין טייך האָט ווער אַ הונט,
אַ גרויסן הונט אַריינגעשלעפט

און קונצן פיל מיט אים געוויזן;
געריטן אויפן כּלב
שווימענדיק
און פאָרן ווידל אים געצויגן.
מ'האָט געלאַכט. . .
ווי זאָרגלאָז מענטשן לאַכן!

דער שוואַרצער קוימענקערער יאַן
איז אויך צום ברעג געקומען,
דאָס פּנים שוואַרץ
און שוואַרץ די הענט,
מיט שוואַרצע שטריק און מיט אַ שוואַרצן בעזעם,
אַ באָרד פון סאַזשע,
מיט גרויסע ווייסלען אין די אויגן
ווי בײַ אַ בלינדן.

„יאַן"!

פון אַלע זײַטן רופט מען אים בײַם נאָמען.
די קליידער־שמאַטעס רײַסט ער גיך אַראָפּ
און שאָקלט זיך דערבײַ,
ווי אַלעמאָל, אַ ביסל שיכּור.

„יאַן!"

ער שפּרינגט אין וואַסער שוין אַרײַן. . .
אַ דאַרער, שוואַרצער, לאַנגער גוף,
פאַרוואַקסן, ווי אַ בער. . .
אַ מאָגערער סאַטיר,
וואָס באָדט זיך איינמאָל אין אַ יאָר.

מען האָט געשטיפּט,
מ׳האָט לאַנג געלאַכט
און ניש־ באַמערקט האָט מען,
אַז מיט אַמאָל איז קילער,
קיל געוואָרן.
די זון האָט זיך פאַרדעקט
און ווידער פלאַמעדיק געטומען ברענען.

פאַרדעקט זיך ווידער,
און אויפן גרויסן טייך,
אויף זאַמד און וואַלד און מענטש,
וואָס האָט נאָר וואָס מיט נאַקעט לייב געגלאַנצט,
האָט זיך אַ ברייטער שאָטן אויסגעלייגט.

דאָס זאַמד האָט זיך גענומען רירן;
צום ערשטן לייכט אין פאַכעדיקע שאַלן,
ווי עמעצער וואָלט וויקלען לאַנגע שטיקער
טשע-סון-טשאַ.
דערנאָך געדיכטער אַלץ אין וואָלקנס שטויב געפּאַליעט,

האַלב דורכגעשראַלט
מיט זונגענדיקן קרעם,
דערנאָך האָט זיך די זון
איינגאַנצן שוין באַהאַלטן.

וואַסער האָט טאַנצן גענומען
און זאַמד האָט, ווי פון זיך בענומען בויען

שלעסער, פּלויטן, ווענט
און שאָקעלדיקע זיילן. . .

פֿון טייך האָט מען גענומען לויפֿן,
נאַס און נאַקעט.
איינער האָט דעם צווייטן נישט געזען,
איינער האָט דעם צווייטן נישט געהערט.
ווינט האָט אויגן צוגעמאַכט
און אָנגעשאָטן פֿולע אויערן
זאַמד. . .

ווו קלייד? ווו שיך? ווו בגד?
ווינט האָט זיך שפּילן גענומען,
מיידעלשע העמדלעך אויפֿגעכאַפּט,
קליידלעך קאָלירטע אומגעטראָגן,
און איז אַוועק
איבער טייך, ביז וואַלד, ביז פֿעלד,
וויַיט. . .

און אין דער קורצער וואַטיערוכע
פֿון זאַמד און דורכגעבליטן שטויב
האָט זיך אַ גאָס געטון אַ רעגן:
צו ערשט מיט גרויסע טראָפּנס,
ווי דער נעפּ־עסטער זאַפּט פֿון וויַינטרויבן. . .

צעשפּאָלטן האָט זיך דער הימל,
אַ וואָלקן האָט זיך אָפּגעריסן

אויף טייך, אויף סאַד, אויף פעלד
און אויף דער גאַנצער וועלט...

ס'האָט לאַנג אַזוי געגאָסן,
און אייביקייט... אַ האַלבע שעה,
מיט דונערן באַגלייט,
מיט שפּיצעדיקע בליצן
און מיט אַ דורכגענעצטן ווינט,
וואָס האָט געטראָגן
סמאַלע־ריחות פון די נאָנטע־ווייטע וועלדער.

ס'האָט די ערד געעפנט טויזנט מיילער,
דורשטיק גיך זיך אָנגעטרונקען,
און אַ יעדער בלאַט,
און יעדער גראָז און בלום
האָט צוגעווינט פון פרייד מיט רעגן־טרערן.

און אין דער צייט פון רעגן און פון דונער
האָט קליין און גרויס
האַלב נאַקעט זיך באַהאַלטן
אין אַלטן שפּייכלער בײַ דעם ברעג.
דורכגעווייקט
און דורכגענעצט...
האַלב אָנגעטון אין פרעמדע קליידער,
האָט קליין און גרויס געלאַכט,
פון זיך אַליין, פון שטורעם און פון רעגן...
אַרויסגעקוקט
און אָנגעקוקט
דעם אויפגערייצטן טייך.

די לעצטע טראָפּנס זענען נאָך געפֿאַלן,
און שוין איז אויך אַרויס אַ רעגנבויגן.
אַ קרוין אַ ליכטיקע אין אַלע פֿאַרבן
האָט איינגעראָמט עם ־אַנד פֿון הימל
און אָפּגעשפּיגלט זיך אין טייך,
אין אַלע שטראָמען
און אָדערלעך פֿון פרישן וואַסער,
און אויף די נאַסע דעכער
אָפּגעגלאַנצט...

די גרינע וועלט איז גרינער נאָך געוואָרן.
אין נאַסן גראָז אין סאָד
זענען עפּל פּיל, אַראָפּגעק לאַפּט פֿון בוים,
געלעגן,
ווי קינדער אין די ווינדעלעך
געשמייכלט צו דער וועלט,
מיט בליקן פֿון נישט-צייטיקייט
צו דער וועלט געשמייכלט.

פֿון אַלע זייטן זענען איצט
די לעצטע שטראָמען אָנגעקומען
און מיט זיך געשלעפּט:
שטיינער, צווייגן, אַלטע וואָרצלען
און דעם קרימענקערערס בעזעם...

נאָר יאַן אַליין, דער שוואַרצער יאַן,
וואָס פלעגט אין שטעטל פֿון די דעכער

אַלע פֿייגל שרעקן,
דער שוואַרצער קוימענקערער יאָן
איז מיט די שטראָמען, וווּ
אין אייביקייט אַוועק...

באגינען

נאָך איידער טאָג וועט נעמען
פֿייניקן מיט זאָרג,
וויל איך אַ רגע טרוימען
און זיין אַ שעה מיט גאָט.

עס גלאַנצן נאַסע בלעטער,
גראָז טרינקט זיך אָן מיט טוי,
די זעלבע בשמים-טראָפּנס
באַנעצן מיינע טריט.

גוט מאָרגן, בלייכער מאָרגן!
ביסט ווי דער אמת ריין.
איך וויל דיין ערשטן אָטעם,
דיין ערשטן שטראַל פֿאַר זיך.

ווייל שפּעטער אין די שעהן
פֿון טומל און געדראַנג,
וועל איך מיט שטייפֿע אָרעמס
אין לעבנס-גאַס אַרויס.

צי וועל איך דער גערעכטער
אין דער מלחמה זיין ?
צי וועל איך דער פאַרשפּילטער
אין אַלע קאַמפן זיין ?

הושענה אַלדעם לעבן
און דער גאַנצער וועלט !
איך האָב נאָר פיינט די קאַרגשאַפט
און חניפה האָב איך פיינט.

אָט אין די ערשטע שטראַלן
פון זון־אויפגאַנג און טאָג,
פאַרוועב איך מיינע ברכות,
מיין גרויסן דאַנק צו גאָט.

פאַר אַלע מיינע זאָרגן,
פאַר נאַרעריי פון פריינד,
פאַר ליידן און פאַר שטרייטן,
פאַר שווייגן מיט דער נאַכט.

קרייט פריילעך, יונגע העגדלשף,
קרייט אומעטיק און רופט,
עס גייען אַלע קלאַנגען
אין ווידערקלאַנג אַוועק.

איך ווייס נאָך נישט אויף ריכטיק
דעם וועג, וואָס פירט צו גאָט :
אוודאי דורך די גרעזלעך,
וואָס באָדן זיך אין טוי.

האָסט לעבן מיך געלערנט
און איך געדענק אײן זאַך:
אין גיהנום זוכן בלומען
און מונטערקייט אין צער.

און איצט ווען קיינער זעט נישט
אין עלנדן פֿאַרטאָג,
איצט קען איך רויק נעמען
די רייכקייט פֿון דער וועלט.

אַ בלעטל פֿון אַ צווייגל
אַראָפּרייסן מיט פֿרייד,
די אָדערלעך די דינע,
באַטראַכטן זיי גענוי.

צום טייך אַראָפּ זיך בייגן
און שפּיגלען אין זיין גלאַנץ,
די בלייכקייט פֿון באַגינען
אין מיינע אויגן זען.

אַ הויפֿן וואַסער־לעבן
טיף אָנשעפּן פֿון טייך
און אָפּוואַשן פֿון פּנים
אַן אויסגעהויכטע טרער.

אַ קושאַק האָב איך אַן ווילן
אַ ריר געטון באַם וועג.
צוויי שמעטערלינג ווייסע
פֿון דרימל אויפֿגעוועקט —

האָט זייער ערשטער פלאַטער
מיך באַלד אָן גאָט דערמאַנט. . .
צוויי שמעטערלינגען ווייסע,
ווי צוויי נשמות ווייס.

עס שפּרייטן זיך שוין שטראַלן
אויף מיין באַטויטן וועג.
עס וועט באַלד ווערן ליכטיק
און פרייד וועט זיין מיט מיר.

נאָר אויב מיר איז אפילו
דער שאָטן בלויז באַשערט,
וועל איך אין שאָטן וועבן
פאַר זיך אַליין מיין ליד.

און אויב דער לץ וועט ווידער
פאַרצוימען מיר דעם וועג,
וועל איך מיין שטאָלץ געדענקען,
און לץ. . . וועט בלייבן לץ.

אַ סטאַדע שאַרע שעפּסן
באַוויזט זיך שוין אין פעלד.
אַ פּאַסטוך מיט אַ כלב,
וואָס לויפט און שמעקט די ערד.

דער גליקן־ציער ציט שוין
די גלאָקן דאָ און דאָרט.
די דערפלעך און די שטעטלעך
זיי וועקן זיך שוין אויף.

זון איצט, ווען טיר און פענסטער
מאַכט אויף זיך אומעטום,
פאַרשליס איך און פאַרזיגל
מיין שטילן סוד אין זיך.

איך האָב געזען דעם אויפגאַנג
אין פייער-גאָלד געברענט,
דער אָפּגלאַנץ איז געפאַלן,
ווי זאַלב אויף מיין פאַרלאַנג.

עס האָט מיט מיר די חייטקייט
געשלאָסן איין פאַרבאַנד.
איך האָב היינט אין באַגינען
בלויז אויסגעקוקט דעם וועג.

1921

די וואנט

דאָס ערשטע בילד.

ד ע ר ש ו מ ר פ ו ן ג ע ט אָ

ייִד, וווהין ? דער זייגער קלאַפּט שוין אַכט,
און דיר איז בלויז ביז נאַכט
דערלויבט צו זיין אין שטאָט.

ד ן

כ׳האָב פאַרגעסן דעם פאַרבאָט,
כ׳בין געגאַנגען שטום־פאַרטרוימט
און נישט געטראַכט
דער וועג זאָל זיין פאַרצוימט.

ד ע ר ש ו מ ר

מיט שפאַס

וואָס טוט דיר באַנג ?
וואָס האָסטו דאָרט אין שטאָט פאַרזוימט ?

ד ן

צו זיך

מיין יוגנט ווערט דאָ גיך פאַרסמט,
די וואַנט זי מאַכט מיך קראַנק...

ד ע ר ש ו מ ר

צי ווילסטו קויפן וואָס, פאַרקויפן ?
דיין מסחר וועט ביז מאָרגן נישט אַנטלויפן.
און אפשר... זאָג מיר אויס דעם סוד,
אפשר האָסטו דאָרט אין שטאָט
אַ כלה, אַ פּרינצעסין...
און קענסט זי נישט פאַרגעסן.
דאַן נעם אַ האַרצע, ייִד !
און שפּיל אַ ליבעס-ליד...
אַך, יענע וועט פון ווייטן דיך דערהערן...
און איך... איך וועל דיר גאָרנישט שטערן.

לאַכט

ד ן

אויפקנייענדיק

ער שפּאַסט און איז פאַר זיך געדעכט :
די קראַפט — זי גיט אים רעכט...
נאָר דו, מיין יונגעס האַרץ, זיי שטאַרק,
זיי רויִק ווידער !...
אָט קומען זיי פון מאַרק,
די הענדלערס — מיינע ברידער,
פאַרקלעמט, פאַרזאָרגט,
מיט פעקלעך אָלטוואַרג אויף די הענט :

דער האָט פאַרבאָרגט,
און יענער באָרגט,
און אַלע חשבונען פּראָצענט...
אַט איילן זיי אַהיים, אַהיים,
ווי אַ טשערעדע געטריבן...
וואָס איז פאַר זיי פון טאָג
פון ליכטיקן געבליבן,
און וואָס זאָגט זיי צו די נאַכט —
דער שוואַרצער תהום?...

ערשטער ייִד

דן, וואָס טוסטו דאָ
אין דער תּפילה־שעה?

צווייטער ייִד

ביסט פריי פון פרי ביז נאַכט
און דאַוונסט ווייניקער פאַר אונדז,
פון זאָרג געבויגענע...

דן

איך האָב זאָרגן אייגענע.

ערשטער ייִד

דן, זינדיק נישט, דיין היים איז רייך,
דיין טאַטנס הויז איז אומעטום באַוווּסט
און אומעטום געשעצט... ווי פּוסט
די ווערטער דיינע זענען
און ווי אומגערעכט...

ד ן

אַ רייכער קנעכט איז אויך אַ קנעכט!

צווייטער ייִד

וואָס הערן מיר די פּוסטע רייד!
קומט מעריב דאַוונען, ייִדן! צו דנען
און דו קום אויך און זיי צופרידן,
וואָס דיר איז פרעמד די נויט...
קומט תפילה-טון, די צייט פאַרגייט...

ד ן

מיין תפילה לעבט אין מיר, איך טראָג עס מיט,
עס ברענט מיין תפילה מיך און גליט
בײַ יעדן קרעכץ פון אייער ברוסט,
בײַ יעדער גזירה, וואָס איר מוזט
פאַרטראָגן אין דעם לאַנד,
בײַ יעדער נייער שאַנד,
וואָס פאַלט אויף אונדזער פאָלק.
נאָר ווייט זענען די הימלען, ווייס:
עס קומט קיין הילף פון אויבן...
און אפשר נעענטערט זיך די צייט,
ווען מיר דאַרפן שטאַרקער גלויבן
און קנאַפּער תפילה-טון...

ערשטער ייִד

וואָס רעדסטו, דן?

ד ן

דער נס איז גרויס. דאָס פאָלק — עס גייט נישט אונטער,

נאָר ווו איז אייער פרייד? און ווער פון אייך איז מונטער?
דער נס איז גרויס און ציט זיך אָן אַ סוף.
מיר ראַנגלען זיך באַם תּליון אין די הענט
און בלייבן גאַנץ אין... שקלאַפעריי.
און שווער חערט אונדז דער נס, ווי בליי...

צווייטער ייִד

אין בית-המדרש קום!

דן

אַך, גאָט איז שטום, צו דורות אַזוי פיל,
גאָט וויל מער נישט
איר זאָלט אויף אים זיך אַלץ פאַרלאָזן.

ערשטער ייִד

אוועקגייענדיק

ביסט זינדיק און צעלאָזן.

צווייטער ייִד

אוועקגייענדיק

ביסט אַ שאַנד פאַר אונדז
און פאַר דיין טאַטנס נאָמען.

דן

און פאַר מיין טאַטנס נאָמען...
מיין טאַטע איז קלוג און רייכער
פאַר דער גאַנצער עדה
און דאָך, איך בין זיך מודה:
פאַר יעדן פירשטל בייגט ער איין דעם רוקן,

און יעדעס מאָל, וואָס מײַנע אויגן
זען צו זײַן קנעכטיש בוקן,
פֿאַרשעלט איך דאַמאָלס מײַן געבוירן...
איך פֿיל זיך דאַן
נאָך מער פֿאַר אײַך געבויגן.

י ה ו ד י ת

קומט לאַנגזאַם אָן

וועמענס שאָטן שפּרײַזט דאָרט פֿון דערווײַטן?
באַקאַנטע טריט...

ד ן

וועמענס שטימע רופֿט מיך פֿון דערווײַטן,
ווי אַ ליד?

י ה ו ד י ת

נענטער

דן, מײַן חתן און מײַן פֿרײַנט!

ד ן

ווי קומסטו, יהודית, הײַנט?
ווי קומסטו, יהודית, אַזוי שפּעט
אַהער? דערצייל מיר, רעד!

י ה ו ד י ת

די מאַמע שלאָפֿט, דער טאַטע זיצט בײַ דער גמרא,
און אין פֿענסטער קוקט אַרײַן די נאַכט די קלאָרע...
די מאַמע שלאָפֿט און יהודית קען נישט שלאָפֿן —

זאָל גאָט אין הימל מיך דערפאַר נישט שטראָפן.
עס זיפצט מיין האַרץ צוזאַמען מיט דער נאַכט.
איך האָב געטראַכט:
איך מוז דיך זען —
און ס'איז געשען...
איך האָב געבענקט, ווי טויזנט כּלות...
נעם אַרום דיין טרייע כּלה,
דן, מיין חבר און מיין חתן.

דן

און דו האָסט זיך באַשלאָסן,
מיך באַנאַכט צו זוכן?
מען וועט דערפאַר דיך פלוכן.

יהודית

אַך, זאָל דיך נישט פאַרדריסן!
קיינער וועט נישט וויסן,
קיינער זעט נישט אונדזערע געשטאַלטן...

דן

ווו זאָל איך זיך באַהאַלטן
מיט מיין גליק?
נישטאָ קיין וואַלד אין אונדזער היים,
קיין לאָנקע נישט, קיין בוים,
נישטאָ קיין טייך, וואָס טראָגט אַוועק
אַ שיפּע ע געלאָסן...
גאָר שטומע הייזער און קרומע גאַ־ן,

מיט אַ גרויסער וואַנט אַרום,
מיט קנעכט, וואָס ליידן שטום
און ציטערן פון שרעק...

יהודית

פאַרגעס אויף היינט דעם שווערן וועג,
די בייזע בילדער.

דן

דיין בליק, דיין נאָענטקייט מאַכט מיך מילדער,
דו ביסט גערעכט,
יהודית, אין אַזעלכע נעכט
דאַרף קענ־גן דאָס האַרץ!

יהודית

און הער זיך איין:
פאַר צוויי געליבטע וועט נאָך זיין
אַ ווינקעלע... עס וועט נאָך זיין:
נישט אומעטום באַוואַכט די נאַכט אַ שומר,
פאַרהאַן אויף יענער זייט אַ טייך און בוימער...
קום גנבענען פאַרחלומטע לופט
און בלומען־דופט
אין שיינע טרוימען.

דן

נישטאָ קיין צוימען
אין אַזעלכע נעכט,
דו ביסט גערעכט!

ב נ י מ י ן

קומט אַן

ווו קען ער זיין, מיין ברודער, דן?

א ס ת ר

קומט אַן

ווו וואַנדערט ער, מיין ברודער, דן?

ב נ י מ י ן

ווען ער וואָלט וויסן אונדזער בשורה,
דאַן וואָלט ער אונדז אַ גאַנצע נאַכט
געזוכט...

א ס ת ר

ווי עלנד שטום דאָ איז באַנאַכט,
ווי אומ:טיק די העגער קרייען...

ב נ י מ י ן

דן וועט זיך פרייען,
דן וועט זיך פרייען...
שאַ... עמעץ גייט...

א ס ת ר

יאָ, עמעץ גייט...

ד ן

קומט מיט יהודיתן

דאָרט הער איך טריט און ווערטער.

י ה ו ד י ת

קושט דנען

זיי געזונט, באַשווערטער.

פאַרשווינדט

ד ן

שרייט נאָך

זיי געזונט, געטרייע! צו בנימינען

וואָס טוסטו דאָ? צו אסתרן

און דו אין אַזאַ שפּעטער שעה...

א ס ת ר

מיר זענען פרייע.

ד ן

וואָס איז געשען? ערקלערט גענויער?

ב נ י מ י ן

נישטאָ, מיין ברודער, מער קיין טרויער,
נישט קיין וואַנט פאַר מיר, פאַר דיר...
מיר פאַרברענגען דאָ אין ענגן מויער
די לעצטע נאַכט, דאָס לעצט שפּאַציר...
דו האָסט פיל מאָל געבענקט אַזוי,
געוואָלט אַהין אין שטאָט... נו, גיי!
באַטאָג, באַנאַכט אין יעדער צייט,
און ווו דו ווילסט און ווען דו ווילסט...

ד ן

איך ווייס נאָך אַלץ נישט דעם באַדייט

פון אייער פרייד... אָ, זאָגט שוין אױס!

א ס ת ר

דער פירשט האָט דערלויבט
אונדזער גאַנצן הויז,
צו לעבן אויף דער פריצים-גאַס.

ד ן

שוועסטער, זאָג עס אין קיין שפּאַס?

ב נ י מ י ן

ניין, ברודער! נישט קיין שפּאַס
און נישט קיין טרוים;
מיר האָבן מער שוין נישט קיין צוים...

ד ן

אין אָוונט-צייט, ווען ערד און הימל
ווערן טונקעלער אין דרימל,
ווען דער קאָפּ ווערט מיד צו טראַכטן,
און עס ווילט זיך דאַן געניסן
פון דער לעבנס-פרייד און פראַכטן...
וועט דער שומר נישט פאַרשליסן
מער פאַר מיר דאָס טויער?
אָך, אָוונט צייט, ווען לידער שוועבן,
ווען פאַרליבטע הערצער שטרעבן,
וועט מיין אויער
שפּאָט פון שומר מער נישט הערן?

ב נ י מ י ן

ניין, ברודער!

קיינער טאָר אונדז מער נישט שטערן...
איך וועל קענען פריי שטודירן;
יאָ, איך וועל שוין איצט שטודירן...

א ס ת ר

און איך וועל טאַנצן און שפּאַצירן,
כ׳וועל זיך אויסלערנען מוזיק...
יאָ, דאָס לעבן האָט פיל גליק,
יאָ, עס קומען נייע צייטן.
אונדזער פאָטער וועט אונדז קויפן
פערד צום פאָרן און צום רייטן
און אַ סאָד מיט אַלטע ביימער,
אונדזער סאָד און אונדזער שומר.
אָבער, דן, דו שווייגסט שוין ווידער!
און די ליפּן דיינע קרומען זיך
פון ווי...

ד ן

שיינע טרוימען, שיינע לידער...
אָבער, וואָס וועט זיין מיט זיי?

ב נ י מ י ן א ו ן א ס ת ר

מיט וועמען, דן, מיט וועמען?

ד ן

אָך, פאַרגעסן האָט איר ביידע:
וואָס וועט זיין מיט אונדזער עדה?
מיט די אַלטע שוואַכע ברידער,
וועלכע לעבן דאָ פאַרשפּאַרט?

אסתר

אומזיסטע זאָרג, אומזיסטע קלעמען,
אונדזער פאָטער וועט זיי העלפן,
ער וועט בעטן בײַ דעם פירשט,
קיינער זאָל זיי נישט פאַרשעמען.

בנימין

און זיי וועלן זיך דערוואַרטן
צייטן בעסערע,
אַזוי ווי מיר האָבן זיך דערוואַרט...

דן

איר זענט נאָך יונג, איר זענט פאַרנאַרט!
זיי קומען דאָן צו אונז, די פירשטן,
ווען זיי דאַרפן אונדזער געלט
און ווען אַ פרוי פון אונדז געפעלט.
מיר זענען רייך, דאָס פאָלק איז אָרים, —
אַ שטומע שול און שטומע קברים...
וואָס מיר פאַרמאָגן זיי די שקלאַפן?
מיר זענען רייך, מיר וועלן שאַפן
אַ נייע היים... נאָר פרי צי שפּעטער,
אויף דער פרעמדער פריצים-גאַס
וואַרט אונדז נייע שאַנד און האַס...
מיר זענען רייך, געשעצט, געליבט,
און מיר אַנטלויפן ווי פאַררעטער...
נאָר גלויבט!
כל-זמן די וואַנט וועט בלייבן גאַנץ,

טראָגט יעדער ייִד דעם דער־גער־קראַנץ,
מײַן פֿאָטער האָט דעם פּירוש באַצאָלט
פֿאַר אונדזער גליק. נאָר הערט מיך אויס:
איך וויל קיין פֿרייהייט נישט פֿאַר געלט,
איך וועל פֿון דאַנען נישט אַרויס...

ב נ י מ י ן

וואָס הייסט?

ד ן

איך בלייב מיט די,
וואָס לעבן דאָ אָן טרייסט.

א ס ת ר

דו בלייבסט מיט זיי?
דו ווילסט מיט אונדז זיך שיידן?

ד ן

שוועסטער, גלייב! דאָס טאָפּלט מײַנע ליידן,
און דאָך אַזוי איז עס באַשערט.

א ס ת ר

דו האָסט די שמחה אונדז צעשטערט.

ב נ י מ י ן

דו בלייבסט, מײַן ברודער, איצט אַליין,
דאָ וועט דיך קיינער נישט פֿאַרשטיין...

ד ן

איך וויס, איך וויס, דאָ לײַדט מען שטום,

דאָ וואַלגערט זיך אַ פֿאַלק אין שטויב,
און דאָך איך גלייב אין זיי, איך גלייב. . .

דאָס צווייטע בילד.

דן

ווי שטום דאָ איז, ווי שטיל אין די חדרים,
ווי שמאָל די פֿענסטער זענען...
און איך בעט גאָט, די זון זאָל שײַנען
אין יעדן ווינקל פֿון מײַן היים.
ווי ענג דאָ איז; אַזוי פֿיל ספֿרים,
אַזוי פֿיל שענק מיט אַלטע ספֿרים,
און אַלץ איז דאָ פֿאַרשטויבט און אַלט.
עס טרייסלען זיך די ווענט, די טיר
און דער קאַמאָד צעפֿאַלט.
דאָ שימלט אַלץ. גייט צום פֿענסטער
גו, עפֿן זיך שמאָל פֿענסטערל
און ברענג אַרײַן אַ ביסל לופֿט
און טראָג אַוועק מײַן אומרו ווײַט.
ס'איז פֿרילינג איצט. . . אַך, פֿרילינג־צײַט.
דו ביסט אַ שטראָף פֿאַר דעם, וואָס ליידט
און לעבט פֿאַרשקלאַפֿט.
דײַן צויבער־קראַפֿט
מאַכט ליידן מער. . . צו די שטיפֿערס אויפֿן גאַס

איר קינדערלעך, איר שטיפט נאָך וויִ,
איר האָט אַ שמעטערלינג דערזען
און איר יאָגט אים נאָך.
נו, לויפט געשווינד און פלינק!
ווייל קוים דערגרייכט דער שמעטערלינג צום זוים,
דאַן זעגנט זיך מיט אייער טרוים.

נתן

קומט אריין

גוט מאָרגן, גוטער דן!

דן

גוט מאָרגן, נתן! גיב דיין האַנט
און זאָג, וואָס ברענגט דיך דאָ אַצינד
פון שטאָט, פון רויש, פון זון און ליכט
אין שאָטן פון דער וואַנט?

נתן

גוטער דן, דו ווייסט געוויס מיך שטראָפן.
איך בין פון זיי אַנטלאָפן.

דן

דו האָסט מיין טאַטן טריי געדינט,
פון מיין טאַטנס הויז ביסטו אַוועק,
פאַרוואָס, דערצייל אָן שרעק.

נתן

דאָרט איז מיר פרעמד די לופט, די נאַס,

די שפּראַך, דער שטאָלץ
פֿון די, וואָס הערשן איבער אונדז
דאָרט לויערט אומעטום אויף אונדז דער האַס,
די פֿרעמדשאַפֿט פּייניקט דאָרט.
די פֿרעמדשאַפֿט איז נאָך ערגער פֿאַר דער ענגשאַפֿט.
מיך האָט געבראַכט אַהער מיין בענקשאַפֿט.
אין גיהנום, צי אין גן־עדן,
איך וויל מיט ייִדן זיין,
איך וויל מיך מער נישט שיידן.

דן

און מיין טאַטנס הויז?
צי דען האָט ווער דיך דאָרט פֿאַרשעמט,
צי פֿילסטו דאָרטן אויך זיך פֿרעמד?

נתן

דיין טאַטע, דן, איז טאָג און נאַכט פֿאַרנומען,
און די מאַמע דיינע קען נאָך אַלץ צו זיך נישט קומען.
זי שפּרייזט אַרום אין ליכטיקע חדרים
און וויינט.

דן

זי וויינט? די מאַמע וויינט?

נתן

עס פֿעלן איר די גוטע פֿרומע שכנות,
די אַלטע שול, די הייליקע קברים
פֿון ייִדישן בית-עולם;

ווייזט אויס, אַז קברים אייגענע
בינדן שטאַרקער צו, ווי פּאַלאַצן פרעמדע,
ווייזט אויס. . .

דן

נישט פריילעך לעבט זיך דאָרט
אין טאַטנס גייעם הויז.
און זאָג, מיין בעסטער,
וואָס טוט מיין ברודער דאָרט, מיין שוועסטער ?

נתן

דיין ברודער לערנט. . . און די שוועסטער דיינע
איז ווי פון אַ שטייגעלע אַרויס,
זי טאַנצט און לאַכט,
זי רייט אויף פערד,
און שיפּלט זיך ביז שפּעט בײַנאַכט.
די שוועסטער דיינע,
זי וויל פאַר טויזנט טרויעריקע יאָר
געניסן גליק איצטער און לוסט.
זי נעמט עס לייכט
אָן פּייל און שווערד ;
מיט שיינקייט און מיט לייכטזין נעמט זי עס.

דן

און מיך דערמאָנט זי ווען ?

נתן

זי וויל דיך זען,

זי גלויבט, אַז דו וועסט קומען.
דו מוזט...
זי זאָגט, דו מוזט דאָך זען אַמאָל
דעם טאַטנס פּאַרק,
מיט די אַלטע ביימער און שיינע בלומען,
שוואַנען,
פאָנטאַנען,
און סטאַטועס פון ווייסן שטיין...
דאָרט איז באמת שיין.
נאָר עס פילט זיך דאָרט אויף יעדן טריט,
אַז נישט דיין פאָטער האָט דעם פּאַרק געפלאַנצט
און נישט אַ צווייטער ייִד...
עס האָבן פרעמדע אים געפּוצט.

דן

איך וועל אַהין נישט גיין,
און דיר, נתן, דאַנק איך פאַר דיין קומען.
פאַר מיין טאַטן ביסטו אַ משרת,
פאַר מיר אַ פריינט.
אַלע זאָרגן מיינע, מיינע פרייד און צרות
טיילען מיר פון היינט.
הער, נתן, הער:
פאַרהאַן אויף אונדזער הויף
אַ פרייער פלאַץ פאַרלאָזן און פאַרוויסט.
מען דאַרף דאָרט אַרבעטן אַ סך...
איך בין נאָך יונג
און דו ביסט אויך נישט אַלט און שוואַך:

לאָמיר פלאַנצן אונדזער גאָרטן.
די בלומען און ביימער וועלן דאָרטן
איינפאַך זיין מיט איידעלע געוויקסן.
און פייגלעך וועלן קומען נעסטן בויען;
אפשר וועט זיך ווען אַ ליד באַ אונדז דערהערן,
אַ פריילעך קלאַנג.

נתן

איך לעב מיט דיין פאַרלאַנג.

יהודית

קומט אריין

דן, איך האָב געטראַכט, דו ביסט אַליין.

נתן

איך באַדאַרף שוין גיין.

יהודית

צו נתנען

וואָס איילסטו, נתן, וווהין?
דו קומסט פון שטאָט,
וואָס מאַכט דאָרט אסתר, מיין פריינדין?
מען זאָגט אויף איר: געוואָרן אַ פרינצעסין...

נתן

די געדענקסט זי נאָך, יהודית!
און זי דיך האָט שוין פאַרגעסן.

ביים אַפ

יהודית

צו דנען

שלעכטע נייעסן ברענגט דיין נתן.

דן

דערפאַר ליבט שטאַרקער דיך דיין חתן.

יהודית

ס'איז פרילינג, דן, אַך, נישט פאַר אונדז, פאַר זיי...
פון ווייטן זע איך ביימער בליען, ווייס ווי שניי,
און אַ פויגל-ליד דערגרייכט פון יענער זייט:
די וואַנט פאַרצוימט, דאָס גליק איז ווייט.
און פרעמד איז דאָ מיין שמחה, פרעמד...
און אפילו, דן, צו דיר,
צום קוואַל פון מיינע טרוימען
מוז איך קומען, ווי אַ גנב...
דאָך, יהודית קלאָגט זיך נישט, אַ שאָד איז נאַר,
וואָס דאָ איז ענג באַ דיר אין חדר,
איך וואָלט מיט לוסט געטאַנצט כסדר...

דן

אַך, הער, יהודית!
מיר האָבן דאָ באַשלאָסן,
איך און נתן,
אַ גאָרטן אַן אייגענעם צו פלאַנצן,
פאַר דיר, פאַר אונדז, פאַר אונדזער דור...
מען מוז די טעג פון גרויסע פּיינען
מיט עפּעס וואָס באַשיינען.

י ה ו ד י ת

פלוגלינג

אַ געפֿאַר איז נאָנט,
איך האָב זיך איצט דערמאַנט. . .

ד ן

וואָס איז געשען ?

י ה ו ד י ת

דער ייִנגער פּירשט. . .

ד ן

שוין ווידער ?

י ה ו ד י ת

בלומען-טעפּ געמאָלטע פון דעם בעסטן ליים,
אַלערליי מתנות שיקט ער מיר אַהיים.
בריוועלעך מיט העזה, בייזע פון פאַרלאַנג,
שיקט ער מיר דער פרעמדער און פּייניקט מיין געדאַנק. . .
וויינט מיין שוואַכע מאַמע, בעט אַלץ הילף בא גאָט
און דער טאַטע קלויבט זיך צו דעם פּירשט אין שטאָט.
בעטן דאָרט און קניִען, זוכן פאַר מיר שוץ. . .
אַך, ווי קנאַפּ די טרערן ברענגען הילף און נוץ.

ד ן

האָסט אומזיסט פון מיר פאַרבאָרגן
אַזאַ גרויס געפֿאַר,
אַלע דיינע זאָרגן, בענקשאַפטן און [illegible]ער,
אַלע דיינע שרעק זענען מיינע אויך.

יהודית! צייטן קומען שווערע,
אָבער שטאַרבן פאַר דיין ערע
איז מוטיק גרייט דיין דן.

י ה ו ד י ת

וואָס טראַכסטו טון?

ד ן

פאַרטיידיקן מיין כלה.

י ה ו ד י ת

ווי אַזוי? מיט וואָס?

ד ן

נישט ווי אַלע, נישט מיט טרערן.

י ה ו ד י ת

מיך שרעקט דיין שטאָלצער בליק.
דן, אין נאָמען פון מיין גליק
איך וועל דיך דאָ באַשווערן...
היט דיין יונג לעבן,
אין נאָמען פון מיין גליק.

ד ן

ווילסטו זען דיין חתן, ווי אַ שקלאַף געבויגן?
מיט אַ שאַנד אין האַרצן, מיט פאַרקלעמטע אויגן?

י ה ו ד י ת

ניין, מיין טייער, ניין!

יהודית ליבט דיך פאַר דיין שטאָלץ,
מוט און שטאָלץ, דאָס מאַכט דיך שיין.

דן

דאַן ענטפער אים דעם יינגען פירשט,
אַז דו ביסט מיינע
און זיינע פיל מתנות
וואַרף זיי אויפן גאַס,
שעלט אים פאַר זיין ליבע,
שמייכל פון זיין האַס!

יהודית

ווי דו רייצסט מיך מיט דיין שטאָלץ,
ווי דו שרעקסט מיך מיט דיין שטאָלץ!

דן

ווער עס ליבט זיין כלה,
ווי עס ליבט דיך דן...
יענער שטאַרבט פאַר ליבע...
קוק מיך שטום נישט אָן!
יהודית, טאָרסט נישט צווייפלען,
שטאַרקער זיי און דרייסט.

יהודית

זאָל מיין טרייע ליבע
מוטיקן דיין גייסט.

גייט אָפּ

בנימין

קומט אריין

זיי באַגריסט, מיין ברודער, אין דער אַלטער היים,
זיי באַגריסט!

דן

אַ באַקאַנטע שטימע,
נאָר איך חייס נישט ווער דו ביסט.

בנימין

אין דיין שפּאַסן, ברודער,
פילט זיך ווי דו האַסט.

דן

אַזעלכע מאָדנע קליידער,
אַזאַ מאָדנער גייסט. . . גענטער
ווען נישט דיין בליק, די אויגן דיינע
וואַלט דיך שווער זיין צו דערקענען,
באַר די פונקען ברענען.
דער טרויער לעבט נאָך אין דיין בליק, בנימין.
פאַרגיב מיין שפּאַסן!

בנימין

איך קום פון שטאָט, פון לעבעדיקע גאַסן;
אַקאַציעס בליען דאָרט און מענטשן לאַכן פריי.
איך האָב אויך געלאַכט צום ערשטן מאָל,
געלאַכט אין מאַי.
נאָר דאָ באַהערשט דער טרויער מיך אויף ס׳ניי:
דער פאַרמעט־ריח שטיקט, דער שימל פון די ספרים
פאַלט אויף מיר. . . אומזיסט ביסטו געבליבן,
מיין ברודער, אין די איינזאַמע חדרים.

ד ן

אומזיסט, צי נישט אומזיסט... דערציייל גענויער,
ווי לעבט זיך דיר אויף יענער זייט מויער?

ב נ י מ י ן

איך האָב דיר שוין געזאָגט:
דאָרט בליען איצט אַקאַציעס,
פאַרברענגען מיר אין מאַי...

ד ן

דו און ווער נאָך מיט דיר?

ב נ י מ י ן

חברים, פריינט — איך האָב זיי שוין אַ סך.

ד ן

און קיין איינציקער פון זיי באַליידיקט נישט
דיין נאָמען?

ב נ י מ י ן

שווייגט

ד ן

דו שווייגסט, בנימין?

ב נ י מ י ן

עס טרעפט אַמאָל... איך בין צו שוואַך...
איך האָב פאַר זיי נישט קיין געווער.

ד ן

און זיי אַליין צווישן זיך?

ווי שטרייטן יאָ פאַר זייער כבוד?
דערצייל גענוי!

בנימין

דער גרעסטער ריכטער איז בײַ זיי די שווערד:
אַ שטאָך-וואָרט אין אַ היצקער מינוט,
אַ לייכטער שפּאַס, אַ קרומער בליק,
אַ שמייכל צו אַ פרעמדער פרוי —
דאָס ענדיקט זיך גאַנץ אָפט מיט בלוט...

דן

איך וועל דיך עפּעס בעטן, ברודער!

בנימין

איך בין שוין גרייט צו פאָלגן דיין פאַרלאַנג,
כאָטש איך האָב אים פון דיין מויל נאָך נישט געהערט.

דן

באַקום פאַר מיר אַ שווערד!

בנימין

עס איבעראַשט מיך דיין פאַרלאַנג.

דן

באַקום פאַר מיר אַ שווערד, בײַ אונדז איז עס נישטאָ.
אַ שאַרפע שפּיז, איך וועל זיך שפּילן מיט זיין גלאַנץ,
איך וועל זיך לערנען פעכטן, ווי דיינע פרייגט, די בייע.

בנימין

איך האָב דיר צוגעזאָגט צו פאָלגן —

איך פאָלג דיך און איך גיי. . .
נאָר זאָג מיר, דן, איז נתן דאָ געווען?
עס האָט די מאַמע מיך געשיקט נאָך אים,
זי זאָגט, איר פעלט זיין יידיש קול, זיין בליק,
זיין ערלעכקייט און קלוגעס וואָרט.

ד ן

ער וועט נישט גיין צו אייך צוריק,
ער פילט זיך פרעמד און עלנט דאָרט.

ב נ י מ י ן

און דאָ וואָס וועט ער טון?

נ ת ן

קומט אַריין

מיר וועלן אַרבעטן, איך און דן,
און שפעטער וועלן קומען נאָך,
מיר וועלן לייכטערן דעם יאָך,
אָט קום, בנימין, וועסטו זען:
דאָ איז אַ פוסטער פלאַץ געווען,
דאָ וועט גאַנץ גיך אַ גאָרטן זיין.
גייעןביידע צו

ד ן

ווער ווייסט, וואָס מאָרגן וועט געשען?

דאָס דריטע בילד.

נתן

שלעפּט אַ שאַנק מיט ספרים

מען זאָגט: אַ ספר איז אַ שפּיגל
און פון צופיל שפּיגלען זיך
נעמט שווינדלען אין די אויגן... פאַרמאַטערט זיך
נישט צו רירן, נישט צו בייגן
זי פון אָרט, די שאַנק.
איינגעשפּאַרט זיך, ווי אַ בוים אַן אַלטער,
ווי אַ זייל פון דורות־לאַנג. נעמט אַרויס אַ ספר
אַלטער טרויער, אַלטער אמת,
ווילסט פון דאַגעט נישט אַרויס.

לייענט

לאה

דנס מוטער קומט אַריין

מיין פאַרלאָזענע, געבענטשטע,
מיין צעשטערטע הויז.

נתן

ווי קומט דאָ לאה איצט אַהער?

לאה

געבראַכט אַ זיפץ, געבראַכט אַ טרער...

אויף קבר־אבות דאָ געקומען. . .
דו אַרבעטסט, נתן, אַרבעטסט שווער
און פון אונדז ביסטו אַנטלאָפן.
איך וועל דערפאַר נישט שטראָפן.
איך ווייס דיין טרייהייט, איך געדענק. . .
כאָטש דאָרט איז פריי און דאָ איז ענג,
כאָטש דאָרט איז ליכטיקער דאָס לעבן,
און דאָך עס ציט אַהער. . .
אַ נחמה אויף אַלץ אַ קוק צו געבן,
אַ טרייסט פאַר מיר.
וווּ נעמסטו צו די ספּרים, נתן?
צי פּילסטו נישט, צי ווייסטו נישט,
ווי יעדע זאַך איז מיר דאָ טייער?

נ ת ן

מיר מאַכן דאָ אַ ביסל פרייער.

ד ן

קומט אריין

מען זעט שוין קלאָר די ערשטע בלעטלעך, נתן,
דער ערשטער רעגן האָט זיי הייַנט באַגאָסן,
און איצטער טריקנט די זון אויף זיי
די רעגן־טראָפּנס. . . באמערקט די מאמען
מאַמע, פרייד! איך האָב דיך נישט באַמערקט,
גוטע, פרומע מאַמע. . .

נ ת ן

צו דנען

פֿאַרברענג דאָ מיט דער מאַמען
און איך וועל גיין אין גאָרטן זיך פֿאַרזוימען

גייט אָפּ

דן

צו דער מאַמען

ווי פֿיל פֿרייד דו ברענגסט מיר און וויפֿיל צער,
ווי טרויעריק דו קוקסט און ווי דאַר
דיין פּנים איז געוואָרן . . .

לאה

פֿון בענקעניש, מיין קינד, פֿון בענקעניש,
איך האָב מיין רויִקייט פֿאַרלוירן,
עס ציט אַהער און בלייבן מוז איך דאָרט.
דאָ איז מיין היים און דאָרטן מיינע קינדער.
וואָס האָב איך פֿון די ליכטיקע חדרים?
איך בלאָנדזשע דאָרטן, ווי אַ בלינדע. . .
מיט מאָדנע בילדער און פֿיגורן
איז אויסגעפּוצט מיין שטוב,
ווי באַ די געצן־דינער אַ גיהנום, אַ קבר־גרוב.
איז מיר מיין נייע היים.
פֿרעמדע געסט און פֿרעמדע שפּראַכן;
מען הוליעט און מען פֿרייט זיך אין מיין שטוב,
נאָר מיר ווילט זיך שטענדיק וויינען,
ווען איך הער זיי לאַכן. . .

דן

מיט וואָס זאָל איך טרייסטן די מאַמען?

לאה

ניט זאָרג, מיין קינד... איך בין צופרידן,
וואָס דו פאַרבלייבסט כאָטש צווישן יידן.
כאָטש כ׳פאַרשטיי נישט דיין ציל,
נאָר איך פיל מיט מיין מאַמע־האַרץ, איך פיל,
אַז דו ליבסט דיין פאָלק
און אונדז אַלעמען...

אויפן גאַס טומלט ש צרק

דן

וואָס רוישט אַזוי די גאַס?

לאה

איך גיי, מיין קינד.

דן

וואוהין?

לאה

נדבות טיילן,
אויפן בית־עולם גיי איך, מיין צער דערציילן.

גייט אַפּ

נתן

קומט אַריין

דן, זיי גרייט!
די גאַנצע עדה גייט צו דיר,

זיי שטייען באַ דיין טיר.

דן

איך הער אַ טומל, וואָס איז געשען?

נתן

זיי האָבן געהערט פון דיין שווערט
און זיי ציטערן.

דן

די אַלטע שרעק האָט אויפגעוואַכט.

נתן

זיי קומען מיט ווייב און קינד,
וואָס ווילסטו זיי זאָגן אַצינד?

דן

איך האָב געוואָלט שרייטן מיט אַ פרעמדן,
איצט מוז איך מיט אייגענע שטרייטן.
וואָס זאָל איך טון? גיין צוריק?
אַך, יהודית וועט נישט מוחל זיין.

עס עפנט זיך די טיר. פיל מענטשן אַריין

ערשטער ייִד

דן, דו ביסט באַ אונדז געבליבן,
האָסט צוגעזאָגט צו ליבן.

צווייטער ייִד

איצט ווילסטו אונדזער רו צעשטערן.

ערשטער ייד

עס פעלט אונדז דען טרויער און טרערן.

א פרויען קול

עס פעלן יתומים, אלמנות און צער?

דן

מיין כלה, מיין שטאָלץ, מיין ערע,
מיין האָפנונג שטייט אין געפאַר.

ערשטער ייד

מיר ווייסן, מיר האָבן געהערט.
נאָר וואָס וועט דיר העלפן דיין שווערט?
דו וועסט בלויז צערייצן די חיה...

צווייטער ייד

מיר טאָרן נישט שטרייטן.
נישטאָ יענע צייטן
פון אָפּענעם שטאָלץ
באַהאַלטענערהייט טראָגט יעדער זיין שטאָלץ.

ערשטער ייד

מיט געבויגענע רוקנס...
מיר ליידן, ווי שקלאַפן וואָס מוזן זיך בייגן

דן

מיין כלה...

א פרויען קול

אַמאָל איז נייטיק א קרבן.

ד ן

שווייג, פאַרפלוכטע!

צו שטאַרק איז מיין דור שוין פאַרדאָרבן?

נאָר כ'פיל נישט קיין שרעק.

איך וועל די גלות-טעג באַפאַרבן.

אויב נישט מיט מיין לעבן,

איז דאַן מיט מיין שטאַרבן...

ע ר ש ט ע ר י יִ ד

ביסט זינלאָז. מיר זענען אין סכנה.

ד ן

נישט צום ערשטן, נישט צום לעצטן מאָל,

מיר צאָלן מעשר אָפּ מיט בלוט.

מיר צאָלן אַלע טאָג.

צ ו ו י י ט ע ר י יִ ד

דו זעסט, מיר זענען אַלע געקומען:

אַלטע לייט און יונגע קינדער

און מאַמעס מיט פאַרוויינטע אויגן...

ד ן

איך זע, אַלע זענען גרייט זיך צו בייגן

און איך וועל בעסער שטאַרבן...

ע ר ש ט ע ר י יִ ד

אַן אומגליק קומט אויף אונדז, אַ גרויסער צער.

גייט אָפּ

צווייטער ייד

דן, באטראכט זיך גוט,
גאָט וועט משפטן דערפאַר.

אַלע גייען אַפּ

דן

גאָט וויל איך שטאָלצע זען.

די גאַס טומלט, דורכ'ן פענסטער פליט אריין א שטיין.

אַ קול

זיי פאַרשאַלט.

דן

איר זענט טויזנט, איך בין איינער.
וויפיל העגט אַזויפיל שטיינער.

יהודית

קומט אריין

זיי שטייען דאָ און שעלטן דיך
דן, זיי וויינען פון שרעק.

דן

אַ דור נאָך אַ דור גייט אַזוי שוין אַוועק.

יהודית

מיר חלומט זיך היינט, אַז דו שטייסט בײַ אַ תהום,
איך שטיי דאָרט פון יענער זייט ברעג.
נאָך אַ שפאַן, נאָך אַ טריט
און מיין גליק פאַלט צום דעק,

פאַלט אין פינסטערן אָפּגרונט אַריין...
און ווי קורץ איז מיין האַנט,
און ווי שוואַך איז מיין קול,
און ווי רויק דו קוקסט אין דעם אָפּגרונט אַריין.

דן

יהודית!

יהודית

נישט איך רוף דיך צוריק,
דן, מיין חתן, מיין גליק.
אָך, מיר חלומט זיך היינט, אַז דו שטייסט בײַ אַ תהום,
און איך שטיי דאָרט מיט בלומען בײַם ברעג,
און איך וואַרף זיי,
איך וואַרף צו דער דעק...
עס זאָל דיר, מיין טרייער, זיין ווייכער צו פאַלן.
מיר חלומט זיך, דן!

דן

נישט טרויער צופיל, נאָך נישט אַלץ איז פאַרפאַלן,
איך וועל מיט אים רעדן,
אים בעטן אָן טרערן,
איך וועל אים גאַנץ רויק דערקלערן.

יהודית

ער וועט בעסער נישט ווערן.
נו, חתן, מיר דאַרפן זיך זעגנען.
איך האָב געשריבן צו אים, געטון אַלץ,
ווי דו האָסט פאַרלאַנגט.

און באַלד וועט ער קומען, דאָך שטאָט מיר
וועט ער דיך דאָ באַגעגנען,
גיי, חתן, מיר דאַרפן זיך זעגנען.

קושט דניען

דן

יהודית-טרייסט, וואָס עס זאָל נישט געשען,
בלייב רויִק און שטאָלץ ביזן סוף.

יהודית

גאָט זאָל דיך היטן
פון אומגליק און שטראָף.

גייט אַפּ

דער יִינגער פירשט

קומט אַריין

זי שרייבט מיר געַנוי, ווו זי וואַרט.

דן

איר זוכט דאָ מיין כלה. יהודיתן זוכט איר,
איך דן, בין איר חתן.

דער פירשט

וואָס זאָל דאָס באַדייטן ?
מען האָט מיך פאַרנאַרט ?

דן

מיר האָבן פון נויט זיך באַשלאָסן.

דער פירשט

כאַפּט זיך פאַרן שווערד

ד ן

פירשט, די שווערט וועט זיינס באַווייזן,
הערט אויס מיין וואָרט.

ד ע ר פ י ר ש ט

ייִד, געדענק דיין אָרט!

ד ן

דאָס מיידל װאָס איר זוכט
איז אַ טאָכטער פון יענע,
וואָס זענען פאַרפלוכט און פאַרהאַסט בײַ אייך אַלע,
דאָס מיידל וואָס איר זוכט איז מיין כלה.
אַ בלום פון אונדזער פאַרדאָרנטן גאָרטן,
אַ שטראַל אויף אונדזער פינסטערן וועג,
אַ פריילעך-קלאַנג אין אונדזער איכה-ליד...
פירשט!
מיר לעבן אין ליידן פאַרצוימט דורך דער וואַנט,
נישט ברענגט אונדז קיין טרויער מער
נישט ברענג מער קיין שאַנד.

ד ע ר פ י ר ש ט

איך פאַרשטיי נאָך נישט אַלץ,
וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר? סיידן...

ד ן

באַליידיקט נישט די, וועלכע ליידן.

ד ע ר פ י ר ש ט

זיי נישט ברוגז, מיין ייִד! זיי נישט בייז,

אַט האָסט דיין לוין אין לאָז לייג
פון דיין קלאָג-ליד, בענוג.

וואַרפט אים געלט

דן

נעם צו דיין פאַרשאָלטן געלד,
איר פייניקט אונדז ווילד און איר צאָלט. . .
האָסט באַליידיקט מיין שטאָלץ,
זיי גרייט צו באַצאָלן פאַר אַלץ.

באַקומט זיין שווערד

דער פירשט

אַ ייִד מיט אַ שווערט!
נישט געזען, נישט געהערט
האָב איך אַזוינס.

דן

דאָן פיל שאָס.

שלאָגן זיך ביידע

דער פירשט

דו האָסט זיך פיל געלערנט,
געאַרבעט מיט דער שווערט.

דן

דאָך ביסטו דרייסטער, פלינקער —
איך האָב שוין וואונדן פיל.

דער פירשט

דו ביסט אַ ייִד אַ שטאָלצער!

נו, זאָג איין וואָרט... ביסט ווערט
איך זאָל דיר מוחל זיין.

ד ן

זאָל גאָט מיר מוחל זיין...
איך שלאָג זיך ביזן סוף.

ד ע ר פ י ר ש ט

דאַן איז שוין גאָנט דיין שטראָף.

ד ן

איך פיל, מיין האַנט ווערט שלאַף,
אַ טויזנט־יעריקער שקלאַף.
נישט צוגעוווינט צו דעם שווערט...
מיין ברוסט... מיין... פאַלט

ד ע ר פ י ר ש ט

איך דריק דיר ייִד, דיין האַנט.
דו ביסט עס ווערט...

ד ן

לאָז יהודיתן צורו!

ד ע ר פ י ר ש ט

אין נאָמען פון מיין שווערט! איך זאָג דיר צו,
דו האָסט עס שטאָלץ פאַרדיגט.

גייט אָפּ

ל א ה

לויפט אַריין

מיין קינד, מיין קינד!
ווי קומט דאָ בלוט? ווי קומט אַ שווערט באַ מיר אין הויז?

יהודית

לויפט אריין

דן: מיין חתן!
ער שטאַרבט; ער גייט שוין אויס.

דן

מאַמע, זיי מוחל! יהודית!
וואַרף בלומען אין אָפּגרונט אין שוואַרצן —
בעסער טויט, איידער טראָגן די חרפה אין האַרצן.

שטאַרבט

1915

אין טאלעדא.

1

היינט איז יום-טוב אין טאָלעדאָ,
פון דערפרי שוין, פון באַגינען
קלינגען הויך די קלויסטער-גלאָקן
און זיי רופן גאָט צו דינען.
די הישפּאַנער שטאָלצע פרויען
קניען נידעריק און בעטן:
גאָט זאָל שענקען גליק און ליבע,
גאָט זאָל מוחל זיין און רעטן.
ימען בלומען, קרויזן, סטענגעס.
קינדער שפּילן אויף די גאַסן.
זייד און סאַמעט. . . הייסע צינדלעך
שעמערירן מילד און שפּאַסן.
אַלטע לייט און יונגע ריטער,
רייכע דאַגעס, אָרימע פרויען,

ווייסע מנישקעס, שוואַרצע מניכן,
ווי אַ סטאַיע שוואַרצע קראָען.
היינט איז יום-טוב אין טאָלעדאָ...
אַזאַ טאָג איז זיס און טייער:
הונדערט מאָן, פאַרפלוכטע ייִדן
גייען שטאַרבן אויפן פייער.

II

אויפן פלאַץ פון אַלטן קלויסטער
ווערט אַלץ רוישנדער און ענגער,
און די אַלטע שווערע גלאָקן
קלינגען העכער, קלינגען שטרענגער.

אַ געזאַנג קומט אָן פון ווייטן;
אויגן פינקלען, אויגן שטראַלן:
לאַנגזאַם שפּרייזט דער אינקוויזיטאָר
אין אַ קרייז פון קאַרדינאַלן.
און נאָך זיי אין טיפן שווייגן
שפּרייזט און קניט אַ גרויסער עולם:
זעלנער, ריטער, מיוחסים —
ווער מיט שווערט און ווער מיט צלם.
פּלוצלינג כאַפּט זיך אויף דער עולם
און די גלאָקן גלאָנגלען העכער...
טויזנט אויגן פון באַלקאָנען,
פון די ביימער, פון די דעכער,
טויזנט מיילער נעמען ברומען,
ווי אַ ים אין צייט פון שטורם.

. . . .

די קרבנות גייען רויִק
צום מזבח פון יסורים.

III

פון דעם הויכן אויטאָ-דאַ-פֿע
פֿליִען פייערן צום הימל
און אַ שיינע פרומע דאָנאַ
וואַרפט אין פלאַם אַריין אַ בלימל.
זיי זיי מוחל, גאָט, געטרייער!
די פאַרפירטע, זיי זיי מוחל!
און אַ ריטער קוקט און שמייכלט,
זי פֿאַרשטייט דעם ריטערס שמייכל.
„דאָנאַ, דאָנאַ! היינט אין אָוונט
וויל מיין האַרץ דיין האַרץ דערגרייכן:
בײַ דער שיין פון דער לבנה,
ווּעסטו לייכט דערזען מיין צייכן".
איבעראַשט פון גליק און ליבע
ווערט נאָך גרעסער איר רחמנות.
און זי וואַרפט דאַן אַלע בלומען
אין דעם פלאַם... צו די קרבנות.
נאָר די פלאַמען ווערן קלענער,
דער מזבח נעמט שוין צאַנקען...
און די טויטע... שיינע דאָנאַ!
טויטע קענען דאָך נישט דאַנקען!

IV

אין טאָלעדאָ... אין טאָלעדאָ

לעבט מען פריילעך און אָן זאָרגן.
נאַכט און שאָטן... אין די שאָטנס
האָט דער טאָג זיך טיף פאַרבאָרגן,
מאַנדאָלינעס, סערענאַדעס,
טענץ, געזאַנג און קאָסטאַניעטן;
אין די סעדער דורך די ביימער
שלייכן פלינקע סילועטן.
גליק און ליבע, פרייד און בלומען
פון פרימאָרגן ביז פרימאָרגן.
אין טאָלעדאָ... אין טאָלעדאָ
לעבט מען פריילעך און אָן זאָרגן...

1915

פאננא וואנדא

דאנא קלארא, דאנא קלארא,
הייס געליבטע, דאנא קלארא

פאנא וואנדא, פאנא וואנדא!
מיט א שרעקעדיקער העזה
טראג איך צו צו אייער נעזל
א קליין צווייבעלע מימאזע.

איר זענט ווידער היינט באזונדער,
גאר באזונדער, ווי געוועזן.
אייער טאטע זינגט המבדיל
און איר שפילט די פאלאנעזן.

אך, עס ווערט נישט איין מעלאָדיע
פון די ביידע צוויי געפילן;
איר פארטרייבט דעם טאטנס חלום,
איר פארטרייבט עס מיטן שפילן.

ש ת-קודש שוין פארשוונדן,
איר האט צוגעמאכט די נאטן,
נאר מיט אייך איז שווער צו ריידן,
כאטש איר האט עס נישט פארבאטן.

עפּעס לייענט איר אַ בריוול,
און איר וואַרפט עס באַלד אַנידער...
פאַן גורעצקי... וואָלט איך שווערן,
פאַן גורעצקי שרייבט שוין ווידער.

פאַן גורעצקי איז אַ ריטער,
קען זיך בייגן אזוי פאַרנייגן,
קען פיין זאָגן קאָמפּלימענטן
און אַ חניפה אין די אויגן.

נאָר גורעצקיס בייזע כלבים
האָבן איינמאָל שוין צעריסן,
אייער טאַטעשיס קאַפּאָטע,
און די פּ ס אים שטאַרק צעביסן.

זייט נישט ברוגז, פּאַנאַ וואַנדאַ!
וואָס איך רעד עס און דערצייל אייך...
איר זענט היינט אַזוי פאַרחלומט,
מיר איז היינט אַזוי נישט פריילעך...

1914

ביים פענסטער

שווער צו אויסזאָגן דעם טרויער,
וואָס באַפליגלט יענע שעהן,
יענע אייזנאַמע חלומות,
וועלכע מוזן איינזאַם בלייבן,
יענע לידער, וועלכע שטאַרבן,
ווען דו נעמסט אין האַנט די פעדער. . .

אויף דעם ראַנד פון שמאָלן פענסטער
האַלט פאַרנאַכט מיין קאָפּ אַנידער:
דעכער, קוימענס זיי פאַרדעקן
מיר כמעט מיין חלק הימל.
צוגעשמידט האָט זיך מיין בליק דאָרט
צו אַ גרויען קאַלטן פינטל.
און אַזוי פאַרגייען שעהן
אָן פאַרלאַנגען.

קיינער האָט מיך נישט פאַרלאָזן,
קיינער האָט מיך נישט פאַרגעסן,

ווייל אין לעבן און אין ליידן
האָט מיך קיינער נישט באַגלייט.
אויף די פֿליגלען פֿון זכרונות
קומען בילדער און געשטאַלטן . .
וועמען האָב איך נישט באַגעגנט
מיט אַ ברכה אויף די ליפּן !
וועמען האָב איך נישט געגלייבט ?
אָ, נאַיִווע גוטע יוגנט,
ביסט אַוועק און צוגענומען
מיינע הייליקסטע כּוונות.

אויף דעם ראַנד פֿון שמאָלן פֿענסטער
איז אַ טרער אַראָפּגעפֿאַלן. . .
גרינגער, גרינגער איז געוואָרן :
ס׳דוכט, די אויגן זעען בעסער
און דאָס אויער האָרכט דאָס לעבן.
שטאָט ! וואָס רוישסטו אָן אָן אויפֿהער ?
שטאָט ! ווו טראָגסטו דיינע שטראָמען ?
טויזנט פֿייער באַלייכטן
דיינע גאַסן אָנהייב אָוונט
און דאָך בלייבן טונקלע ווינקלען —
קיינער וועט זיי נישט באַלייכטן.

אויבן שוימען שטיקלעך וואָלקן,
דורכגעשאָטענע מיט שטערן,
אונטן זיץ איך דאָ באַם פֿענסטער,
ווי אויף גאָר אַ גרויסער ים־שיף.
פֿאַליעס מענטשן, פֿאַליעס מענטשן,

ווי זיי ווימלען דאָ כסדר.
ביז דיין פענסטער בין איך זיכער
וועלן זיי זיך נישט דערהויבן.

די מוזיק פון זייער שפרייזן
וועל איך לאַנגע שעהן הערן,
די געלעכטערס, פלאַפלערייען —
פון דעם יומטובדיקן אָוונט.

נאָר מיין טורמל באַם פענסטער
ווילט זיך מיר נישט צו פאַרלאָזן:
אונטן בין איך שוין געוועזן,
שוין געוועזן...

איינמאָל זומער, איינמאָל ווינטער...
אַך, עס ווילט זיך נישט דערמאָנען.
איך האָב בלומען זיי געטראָגן
און צוריק באַקומען שטיינער.

איצטער וואַרט איך, אַז די שטיינער
זאָלן ווידער ווערן בלומען.
קיינעם בענטשן, קיינעם שעלטן...
אין דער טיף פון מיין נשמה,
וועבט א ליד זיך אַזוי איינזאַם,
אַזוי אומעטיק און רויק,
ווי די נאַכט דאָרט אויבן, אויבן.

דורך די קייטן פון די גאַסן
האָט אַ ווינטל זיך פאַרגנבעט

און אַ ריח פון אַ גאָרטן
צו מיין פענסטער צוגעטראָגן.
אויפגעבלעטערט האָט דאָס ווינטל
אַן ערינערונג אין האַרצן...
אויפגעבלעטערט און פאַרבלעטערט
און אַנטלאָפן...

1914

בײנאַכט

I

אַוועק אַ טאָג... און גאָט צו דאַנקען:
אַ רינגל ווייניקער אין קייט!
די לעצטע פייער־בליקן צאַנקען,
מיין לעצטע בענקעניש פאַרגייט.
אַ ביסל היי... און מיין געלעגער
איז פאַרטיק אויפן פרעמדן פעלד,
און שלאָף, שטום־איין, מיין טרוימען־יעגער —
עס שלאָפט מיט דיר די גאַנצע וועלט.
באַר מיינע אויגן בלייבן אָפן
און די געדאַנקען בלייבן וואַך.
ווי שטיל, ווי שטיל די גראָזן שלאָפן...
ווער פילט, ווער האָרכט מיין טרויער־שפּראַך?
אַך, ווער עס קען צו גאָט נישט שטייגן,
דער רופט צו זיך אויף דר׳ערד זיין גאָט
אַך, ווער עס קען פון צער נישט שווייגן,

דער ברענגט צום פעלד און נאַכט זיין סוד.
מיך זאַלבט די רויִקייט... אַ שטערן
צעשיט זיך איבער מיר אין גאָלד!
דאָס צאָלט די נאַכט פאַר שטומע טרערן,
פאַר זאָרג פון טאָג — די רו באַצאָלט.
אַ ווינטל איז פון נאַכט געקומען
און בלומען־דופט געבראַכט, דערפרייט...
איך האָב באַטאָג געזען די בלומען
און שטום געליטן לעבן פלויט.

II

ווער חייסט פון מיינע טעג און יאָרן
פון גיהנומס בלִיענדע, ווער ווייס?
פון אָדלער־שטאָלץ, וואָס גייט פאַרלאָרן?
אָ, נאַכט! פאַרוויג מיך אין דיין שויס.
ווי לאַנג דער מענטש וועט דאָ נישט שפּריינן,
בין איך פון לעבנס־תּפיסה פריי,
ווי לאַנג די זון וועט זיך נישט ווייזן,
וועסטו מיר בלייבן ליב און טריי.
און ווען די זון וועט דיך פאַרטרייבן,
חעל איך אַוועק פון דיר אַן לאַסט;
איך וועל אין האַרצן טיף פאַרשרייבן,
ווי גוט דאָ איז דעם וואַנדער־גאַסט.
דו גלעטסט מיין קאָפּ, דו קושסט די ברעמען,
דו יאָגסט מיין פיינלעכן געדאַנק;
עס שוועבן בילדער, אויגן, נעמען,
עס שוועבט דער טאָג און טוט נישט באַנג.

געדענקסטו, נאַכט, דעם סוד און וווּנדער?
געדענקסטו, קעניגלעכע נאַכט?
נישט אַלעמאָל האָב איך באַוווּנדער
אין דײַן געצעלט אַזױ פֿאַרבראַכט.
נישט אַלעמאָל אַלײן געקליבן
דעם נחת, װאָס דו שענקסט דער ערד!
מיר איז באַשערט געװען צו ליבן
און לײדן איז מיר אױך באַשערט.

III

אױס בלאָנדע צעפּ, אױס שװאַרצע לאָקן
הײַנט האָט מיך קײנער נישט באַגלײט.
איך האָב הײַנט אַלעמען געשראָקן,
אַז ערגעץ װאַרט אױף אונדז דער טױט.
װי סאַמעט פֿאַלט דער שאָטן
און דעקט מיך אײַן אין קילן טאָל...
אַ שטערן גאָלד האָט זיך צעשאָטן,
און איך באַגריס צום צװײטן מאָל.
דו האָרכסט מיך, נאַכט! איך װעל דיר שװערן,
זײַ טרײַ אױף לאַנג, אױף אײביק טרײַ.
צינד אָן נאָך ליכטיקער די שטערן
און װײַז דײַן הערשאַפֿט מיר אױפֿסנײַ.
זאָג אָן די בײמער און די בלומען,
זאָג אָן דעם װאַלד, דעם קװאַל, דעם טײַך,
אַז איך בין װידער דאָ געקומען
און טרױם מיט אַלעמען צוגלײַך.

מיט אַלע בלעטער פֿון די צווייגן,
מיט אַלע גרעזעלעך פֿון פֿעלד.
איך וועל זיך בײַ דיר לערנען שווייגן
און בענטשן גאָט און דײַן געצעלט.

1915

מיין יורש

אַ יינגן אָדלערל, אַ זון —
ווען איך וואָלט האָבן אַ יינגן אָדלערל.
מיט אויגן שוואַרצער פיל ווי מיינע,
מיט יינגע פויסטעלעך, ווי שטאָל,
מיט לאָקן טונקל, ווי די נאַכט אין טאָל —
מיין זון, מיין זון!

אין טעג פון צער און נויט
וואָלט איך די פליגלען שטאַרקער דיר צעשפּרייט!
אין טעג פון רו
וואָלט איך מיט מעשיות דיך געוויילט
און שאַרפער-שאַרף די נעגל דיר געפיילט.

דאָס לעבן איז קיין תּפילה-טעמפּל.
און נישט קיין משפּט-הויז,
אויך נישט קיין שוועל פון שטומע בעטלער
בײַ אַ רייכנס הויז.
אַ, פּרעס-צונויף די יינגע ליפּן

און הער מיך אויס באַנאַכט:
דאָס לעבן איז אַ בייזע שלאַכט...

אָ, דריק מיך פעסטער אומגעאַרמט,
דו האָסט אין מיר דיין לעצטן פריינט.
איך וואָלט די טעג אַזוי געוואַרעמט,
איך וואָלט דיין יוגנטן וועג באַשיינט,
מיט בלומען העלע אויסגעשאָטן
און אָפּגעטריבן יעדן שאָטן.
נאָר אויב ס'איז נייטיק פאַר דיין צוקונפט,
וועל איך מיט שטיינער לאַנג דיך שפּייזן
און אויספלאַנצן אַ האַרץ פון אייזן.

איך האָב געמיינט: ס'איז דאָ צוויי וועגן,
בין איך אויףביידע לאַנג געגאַנגען —
אָ, דומע, נאַרישע פאַרלאַנגען!
נישטאָ קיין גוטס, נישטאָ קיין שלעכטס.
פאַראַן איין וועג דורך גיפט און שלאַנגען,
דורך שטיין און צאָרן, האַס און נאַכט —
איין וועג, איין ציל, איין שלאַכט...

מיין יונגער אָדלערל, מיין זון!
דיין ערשטער טרוים מוז זיין דיין לעצטער טרוים.
דו ליב דעם ים און נישט זיין שוים
אין שטורם-טעג וועל איך דיך פליִען טרייבן,
אין שוואַרצע נעכט וועסטו מיר איינזאַם בלייבן.
איך וועל באַמוטיקן דיין האַרץ פאַר יעדער שרעק.
עס שטייט דיר פאַר אַ שווערער וועג.

וואָס איך האָב נאָר געזען אין צייכן,

מוזסטו אין לעבן עס דערגרייכן,
וואָס איך האָב נישט געקענט דערלאַנגען,
מוזסטו עס לייכט און פריילעך נעמען.
ווי איך בין אַ געבונדענער געגאַנגען,
מוזסטו אין פלי זיך לייכט פאַרנעמען,
און שוועבן הויך,
און שוועבן הויך, —
איך זאָל אין קבר זיך נישט שעמען.

איך האָב געגלייבט פאַר זיך
און אויך פאַר דיר געגלייבט.
געצווייפלט האָב איך אויך פאַר ביידע,
נאָר דו גיי גלייך און קוק פאָרויס:
צעשאָטן איז דיין טאַטנס הויז,
פאַרלאָשן איז זיין מידער בליק,
נאָר דו ביסט שטאַרק און טראָגסט דיין קאָפּ
צום זיג, צום זיג.

אָפּט זע איך דיך אין חייטן טרוים;
עס גייט אַ שלאַכט, דו ביסט אינמיטן.
עס בלאַנקט דיין שווערט אין רעכטן פייער,
אָפּט זע איך דיך, מיין זון, מיין טרייער,
אָפּט הער איך, דער באַזיגטער שילט
דיין שטאַם, דיין פאָטער שילט ער ווילד;
„ווער האָט אַ העלד אַזאַ געבאָרן?"
זיין קללה קלינגט מיר, ווי אַ ברכה
און ווי אַ באַלזאַם גלעט זיין צאָרן,
מיין זון, מיין אייניציקער בטחון!

איך האלט די צוקונפט אויף מיין קני.
איך גלעט דיין קאָפּ, עס איז נאָך פרי
דיר אַלץ צו זאָגן און פאַרטרויען,
נאָר לאַנגזאַם אין די שטילע שעהן,
איך גיב דיר איבער מיין צוואה.

איך וועל דיר נאָכגיין איינגעבויגן
און נאָכקוקן דיין ערשטן זיג.
אין שאָטן וועל איך גיין באַהאַלטן
און אָפּשפּיגלען געשווינד צוריק —
עס זאָל מיך קיינער נישט באַמערקן.
נאָר טאַנצן וועט מיין האַרץ פון פרייד,
און בענטשן וועל איך שטילערהייט
דעם גאָט, דעם טייוול, וואָס דו דינסט.

אָפּט שפּיר איך שוין דיין יונגן כוח,
דו רייסט זיך שוין פון מיינע הענט.
איך דעק דיר אָפּ מיין האַרץ אינגאַנצן
און פרוּוו די נעגל דיינע אויף מיין האַרץ...

איך וויג דיך איין, איך זינג דיך איין:
דו וועסט, מיין קינד, אַ הערשער זיין.
אַ שטאָלצער קאָפּ פאַרדינט אַ קרוין,
און שטאָלץ איז דער, וואָס גייט אַליין.

אָפּט זע איך דיך אין ווייטן חלום:
דו שפּרייזט דורך שטאָט און טאָל און באַרג,
טראָגסט שווערע שטיינער אויף דיין קאַרק,
טראָגסט מאַרמאָר פאַר דיין שלאָס.

אָ, דאָס װעט זײַן אַ שלאָס פֿאַר אײנעם
אָנטקעגן זון,
אָנטקעגן גאָט!
און איבער אַלעמען פֿאַר אײנצם!

אין טיפֿן קעלער פֿון דײַן שלאָס
װעט ליגן אײַנגעפּאַסט אַ פּליטע:
מײַן שטומע, אײנזאַמע מצבה
פֿון שװאַרצן שטײן,
מיט דראָבנעם שריפֿט:
„איך האָב גענומען פֿון דײַן פֿײַער
מײַן יונגן ליכטיקן פֿרימאָרגן"

. . . .

אַ יונגן אָדלערל, אַ זון,
װען איך װאָלט האָבן אַ יונגן אָדלערל!...

1916

אַנאַטאָל פראַנס — די קאָמישע געשיכטע	4.—
ייִדיש מ. רובינשטיין	
אַנונציא גאַבר. — דזשיאָוואַני עפּיסקאָפּאַ (ראָמאַן)	2.40
ייִדיש מ. ראַקאָווסקי	
אמיטשיס עדמ. — דאָס האַרץ	7.20
ייִדיש שלמה שיינבערג	
באַרביס אַנרי — דאָס פייער (טאָגבוך פון אַ ראָטע)	7.20
ייִדיש מ. װאַרשאַװסקי	
בענואַ פּיער — אַטלאַנטידאַ (אַ לעגענדאַרישער ראָמאַן)	4.—
ייִדיש א. כהן	
ברזשאָזאָװסקי ס. — פלאַמען I טייל	6.—
" " II "	6.—
ייִדיש נחמה עפּשטיין	
דאָסטאָיעװסקי פ. — זכרונות פון טויטן הויז I טייל	4.20
" " " " " II "	4.20
ייִדיש א. זילבערמאַן	
" װייסע נעכט; אײביקער מאַן	5.60
ייִדיש א. אלפּערן	
" פאַר ייגנט	4.50
ייִדיש ג. מייזל	
" די שדים	
ייִדיש י. רובין	
דאַראָשעװיטש װ. — לעגענדן און מעשה'לעך פון אָריענט	3.60
ייִדיש מ. ראַקאָװסקי	
װאָולמאַן ש. — גילגולים (לידער)	1.—
זשעראָמסקי ס. — ערב־פרילינג (ראָמאַן) 3 בענדער	8.—
ייִדיש טורקאָװ	
זילבערשטיין ב. — סאַנקט־העלענע־אינדזל (לידער)	—.70
טאָלסטאָי ל. נ. — מלחמה און שלום (ראָמאַן)	
ייִדיש ש. שיינבערג	
" אַנאַ קאַרענינאַ (ראָמאַן)	
ייִדיש מ. גאָלדמאַן	
" פאַר יוגנט	
ייִדיש ג. מייזל	
טורגעניעװ א. — רודין	2.50
ייִדיש א. זאַק	
" די ערשטע ליבע	4,50
ייִדיש א. זאַק	
טאַראָ זש. און זש. — לשנה הבאה בירושלים	3.40
ייִדיש מ. ראַקאָװסקי	

לאָטי פּיער — די פישער פון איסלאַנד	4.20
ייִדיש מ. ראַקאַטסקי	
מאַסטבוים יואל — סאַלאַמאַנדראַ און אַנד.	
מעסטל יעקב — מלחמה־נאָטיצן פון אַ ייד. אַפּיציר I	6.—
〃 〃 〃 II	6.—
דע מאַרקי עמיליאַ — דער גאָלדענער רינג (קאָמעדיע)	0.70
〃 〃 דעם טייוולס קינדער	0.70
ייִדיש מ. ראַקאַטסקי	
ניידוס לייב — ליריק לידער I	5.50
〃 ליטווישע אראַבעסקן (לידער) II	5.50
〃 רוסישע דיכטונג III	
נאָמבערג ה. ד. דאָס בוך פעליעטאָנען	5.—
סעגאַלאָוויטש ז. — I באַנד פּאָעמען	4.00
〃 II 〃 קאַפּריזן	4.00
〃 III 〃 קרימער נעכט	5.00
〃 IV 〃 אַ לעגענדע וועבט זיך	2.75
〃 V 〃 ראָמאַנטישע יאָרן	2.50
〃 VI 〃 מעשיות פון דער רוסישער קאַזאַרמע	
〃 VII 〃 לידער	
〃 VIII 〃 דערציילונג פון רוסישער רעוואָלוציע	
〃 IX 〃 איך, זי און ער	
〃 X 〃 אייביק איינזאַם	
(I באַנד פון דער טרילאָגיע)	5.00
〃 XI 〃 דאָס אַנאַרכיסטישע מיידל	
(II באַנד)	5.50
〃 XII 〃 אונזער פרוי (דער גט)	
עווערס האַנס — אַלרוינע (ראָמאַן אין צוויי טיילן)	8.—
ייִדיש ע. באָרנשטיין	
פערלע יהושע — זינד	2.25
〃 מירל; אין לאַנד פון ווייסל	
פאַרער קלאָד — מאַרקיזין יאָריסאַקאָ (ראָמאַן)	4.40
ייִדיש מ. ראַקאַטסקי	
פרידמאַן — הינטער־קוליסן־מאַסקעס	4.—
קאַגאַנאָווסקי אפרים — טירן־פענצטער	3.25
קאָרנבלום ש. — געלייטערטע (ראָמאַן)	3.25
קעלערמאַן ב. — אינגעבאָרג (ראָמאַן)	5.—
ייִדיש פלאַקסער	

ראָזענפעלד א. — די גרינע בריק 2.25

שיפער יצחק ד״ר — די ווירטשאַפט־געשיכטע פון די יידן אין פוילן

" " די קולטור־געשיכטע פון יידן אין פוילן און מיטלאַלטער

שענקעוויטש העגריק — מיט פייער און שווערד I (ראָמאַן) 5.—

" " " " II " 5.—

" " " " III " 5.—

" " " " IV " 5.—

יידיש מ. בליישטיפט

" דער מבול (היסט. ראָמאַן אין 6 ט.)

יידיש מ. בליישטיפט

" די משפחה פּאָלאַניעצקי (ראָמאַן)

יידיש שפער

" פאַן וואָלאָדיעווסקי

שניצלער א. — דער לעצטער ווילן (דראַמע)

יידיש דוד שטײנבערג

מאָזאַיק־ביבליאָטעק:

1. מאָפּאַסאַן גיו דע — דער עלטערן־מערדער און אַנד. —.90
2. מענדעס קאַטול — דער פאַרלוירענער גן־עדן —.90
3. סעגאַלאָוויטש ז. — אַ פרוי אין קאַזאַרמע —.90
4. פרעוואָ מאַרסעל — די ברוסט —.90
5. גלאַזמאַן ברוך — חלום־דערציילונגען —.90
6. הערן לאַפקאַדיאָ — די בלוטיקע חתונה —.90
7. גלאַזמאַן ברוך — ווער האָט געזינדיקט —.90
8. צווייג סטעפאַן — אַ בריוו פון אַן אומבאַקאַנטער —.90
9. גאַרשין וו. — די רויטע בלום —.90
10. טשעכאָוו א. — שרעק —.90

בוכהענדלער און ביבליאָטעקן — ראַבאַט!

די ביכער וואָס זענען נישט באַצייכנט מיט קיין פּרייז, וועלן אינגיכן דערשיינען.

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08976

POEMEN

Zusman Segalowitch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS